True Torah Jews
נטרונא

# נאטיצן פון נטרונא

True Torah Jews
183 wilson Street, PMB 162
Brooklyn NY 11211
Tel: (718) 841-7053
Fax: (718) 504-4513
www.truetorahjews.com

#5

גליון ה' • חודש ניסן תשס"ח לפ"ק • פנימי לחברי ואוהדי "נטרונא" מהנעשה ומהנשמע בתוך מפעלינו הק'

## נאבעלער מסיבת "באנקעט" פארגעקומען אין הויז פון הרה"ח ר' ישכר בעריש בראנער הי"ו

### שיינע באטייליגונג פון תושבים אין "סאוט־סייד" געגענט; גייסטרייכער פראגראם האט געהאלטן געשפאנט אלע פארזאמלטע

וויליאמסבורג. - גאר א נאבעלער מסיבת "באנקעט" איז פארגעקומען פארגאנגענעם דאנערשטאג פ' תשא שושן פורים קטן העעל"ט, אין הויז פון הרה"ח ר' ישכר בעריש בראנער הי"ו, אין "סאוט–סייד" געגענט, וואס איז געווען באשטימט צו אפעלירן צו די ארטיגע תושבים, אז זיי זאלן אקעגנקומען די פעולות פון "נטרונא".

דורכאויס די מסיבה האט זיך אנגעזעהן א שיינע באטייליגונג פון די "סאוט–סייד" איינוואוינער, וועלכע האבן זיך אנגערופן מיט באדייטנדע סכומים. אזוי אויך איז די מסיבה געקומען באגלייט מיט גאר א רייכן פראגראם, וואס האט געהאלטן געשפאנט אלע פארזאמלטע.

*

במשך א צייט פון עטליכע וואכן האט די הנהלה פון "נטרונא" זיך געגרייט צום פראכטפולן באנקעט, וואס איז פארגעקומען ווי דערמאנט, פארגאנגענעם דאנערשטאג פ' תשא–שושן פורים קטן העעל"ט, אין הויז פון הרה"ח ר' ישכר בעריש בראנער הי"ו, און ווי עס שטעלט זיך ארויס האט די מסיבה זוכה געווען צו א שיינענדע הצלחה.

די מסיבה איז געווען אדרעסירט צו די תלמידי וחסידי מרן רביה"ק מהר"י ט"ב מסאטמאר זי"ע, איינוואוינער פון צפון זייט וויליאמסבורג, דער בארימטער "סאוט–סייד" געגענט, וועלכע ציילן זיך צו א באדייטנדער מספר תושבים כ"י. אזוי ארום אז עס האט זיך געשפירט א וויכטיגקייט צו ווידמען א מסיבה דירעקט פאר די דאזיגע אידן, וועמענס וואוינארט איז אביסל ווייט אפגערוקט פונעם צענטער פון וויליאמסבורג.

באזונדער האט די מסיבה געצילט צו אפעלירן צום ציבור, אקעגנצוקומען דעם "דמי חבר" מעמבערשיפ קאמפיין, וועלכע איז צום ערשטן מאל פראקלאמירט געווארן ביים גרויסארטיגן כינוס כללי פון "נטרונא", פארגאנגענעם ערב חנוכה העעל"ט.

דער "דמי חבר" קאמפיין פאדערט אויף

(פארזעצונג אויף קומענדיגע 4)

---

## נייער שיעור אין ספה"ק ויואל משה אויפן "נטרונא" טעלעפאן ליניע

### פארגעלערנט דורך הרה"ג רבי יודא כ"ץ שליט"א רה"כ ודומ"ץ עדת ישראל מעלבוירן, אויסטראליע

וויליאמסבורג. – גרויס פרייד הערשט צווישן שלומי אמוני ישראל, מיטן נייעם רינגעלע אין קייט פון פעולות דורך די הייליגע ארגאניזאציע "נטרונא", נאכדעם וואס זי האט איינגעפירט א נייעם שיעור אויפן "נטרונא" טעלעפאן ליניע, אין ספה"ק ויואל משה. דער שיעור ווערט פארגעלערנט בטוב טעם ודעת, דורך הרה"ג רבי יודא כ"ץ שליט"א, פון מעלבוירן, אויסטראליע.

*

ווי באקאנט, האט "נטרונא" מיט א צייט צוריק געגרינדעט א טעלעפאן ליניע, אינערהאלב דעם טעלעפאן ליניע פון "קול דודי דופק", וואו שלומי אמוני ישראל הערן און זיך ערקונדיגן דרשות און דברי תורה פון מרן רביה"ק מהר"י ט"ב מסאטמאר זי"ע, מידי שבוע בשבוע אויף די פרשיות השבוע. אזוי אויך



געפינט זיך אויפן ליניע פארשידענע אינהאלטסרייכע דרשות און אויפטריטן, ביי מסיבות און באנקעטן פון "נטרונא".

דער דאזיגער ליניע האט געדינט כמים קרים על נפש עיפה, פאר פילצאליגע שלומי אמוני ישראל, נאכדעם

(פארזעצונג אויף זייט 3)

## שליסט אייך אן אלס א "מעמבער" אין די הייליגע ארגאניזאציע!

Design by: C&G TYPOGRAPHIC / 718-935-1945

# 60

# אנו בוכים כבר ששים שנה!

ידוע הסיפור אודות אותו דרשן, אשר הגיע כאורח לעיר להשמיע דברי מגידות, ושאל את ראש הקהל מה המה הדברים העומדים עתה על הפרק, אשר עליהם תסוב דרשתי? התמדה בלימוד התורה, או התעלות בעבודת התפילה? לא לא, סירב ראש הקהל. אולי אודות קדושה וצניעות? בוודאי לא, מיאן ראש הקהל. בכל זאת הלא מוכרחני לדבר אודות איזה ענין, מה אומר לציבור הנאספים? אמר לו ראש הקהל, ידבר נא מעלת כבודו אודות "אידישקייט", זה לא מפריע לאף אחד, ואין מי שיפגע כשמדברים מזה...

כלפי מה דברים אמורים?

בערבו של יום ה' פקודי אור ליום ראשון דר"ח אדר שני תשס"ח, שוב נשמע קול נהי, ושוב מאותה פינה, אשר בימינו היא מצויה תמיד במרקחה. אותה מדינה ארורה, אשר נביאי שוא שלה חזו עליה, כי היא תהא "מקום מרגוע ליהודים בגלות". במקום "רגוע" זה, קרה ביום הנ"ל אסון נורא, כי רוצחים מן האומה הערבית, נכנסו לבנין "מרכז הרב", והמיתו רח"ל שמונה צעירים מישראל. דם ישראל נשפך כמים ע"י רוצחי הגופות (ההורגו), אחרי אשר רוצחי הנשמות (המחטיאו) מתגרים בם זה ששים שנה בלא הפסק. ה' ינקום דמם, הן מן המחטיאים והן מן ההורגים.

לב מי לא נשבר לרסיסים לשמע אוזן, כי בני ישראל צעירים, נקטפו פתאום ברצח נורא רח"ל. הנרצחים כולם - "תינוקות שנשבו" - אשר למדו במקום זה כרצון הוריהם הטועים, שהוטעו ע"י רבנים המזידים, נהרגו באכזריות ע"י רוצח. בזכרנו מעשה הרציחה הזה, שואלים כולם בתמהון לבב: מדוע עשה ה' ככה? מה חרי האף הגדול הזה? מה עלינו לתקן? כדי שלא תבוא חלילה שנית צרה נוראה ואיומה כזאת ה"י? הלא מחוייבים להתבונן בזה, כלשון רבינו הרמב"ם, שבסוף דבריו הוא מתרה בדבורים קשים, כי אם לא יזעקו ולא יריעו, אלא יאמרו דבר זה ממנהג העולם אירע לנו, וצרה זו נקרה נקרית, הרי זו דרך אכזריות וגורמת להם להדבק במעשיהם הרעים, ותוסיף הצרה צרות אחרות. הוא שכתוב בתורה (ויקרא כ"ו), והלכתם עמי בקרי והלכתי עמכם בחמת קרי, כלומר כשאביא עליכם צרה כדי שתשובו, אם תאמרו שהוא קרי, אוסיף לכם חמת אותו קרי. (רמב"ם יד החזקה, הלכות תעניות פרק א').

כמה וכמה דרשנים מפורסמים, החלו לדרוש אחר האסון, אודות "אידישקייט"... כנ"ל. וחלק מהם עוררו, כי מצאו את האשמים בדבר, הלא המה הסעלפאונס והאינטערנעט וכדומה, (ובזה רצו להרוויח, גם שימנעו מלהרהר אולי יש בזה איזו שייכות כלשהי, להעברה על שלשת השבועות). כמובן שזה מתקבל בקרב המוני עם, בדומיה. ואדרבה יש להם הנאה מדברי תוכחה מתונים כאלה, שהמה כהסכמה מלאה להמשיך בשכחת האמת, ואין בזה שום ביזוי לאנשי "מרכז הרב" שנהרגו, אדרבה הקבלות הטובות יוסיפו זכויות לעילוי נשמתם.

אבל אם יאמר נא ישראל, כי חז"ל במסכת כתובות סבורים אחרת, ומצאו את מקור האסון, כי מדה כנגד מדה היא, מחמת העברה על שלש השבועות שהשביע הקב"ה את ישראל, (שהיא עבירה קלה - לשיטת בעלי "אידישקייט" - כלפי סעלפאון וכו'), אשר העונש המר על זה, מפורש יוצא, "הריני מתיר את בשרכם", ה' ישמרנו. מי שהיין לומר כן - אז בהשמע דבר האסון בבנין "מרכז הרב" - צעקו עליו, שונא ישראל שתוק! דם ישראל נשפך כמים ואתה מתעסק עם פאליטיק? כיצד תעיז לבזות בחורי ישיבה שנהרגו תוך כדי עסק התורה? עשית עליית נשמה לידע מהו החשבון בדויק? שונא ישראל; שונא התורה; ושונא ציון!!!

וכל כך למה? מדוע יחרה אפם כ"כ בשמעם מאמר חז"ל מפורסם? מפני מה כשהדובר מ'אידישקייט אינו פאליטיק, ואינו בזיון מבחורי ישיבה שנהרגו? מה נשתנה?

התירוץ פשוט. הקב"ה הטביע בעולמו, שאף בעלמא דשקרא, עדיין השקר שפחה משועבדת לגבירתה האמת. מעט אמת דוחה הרבה מן השקר, וכל זמן שהאמת נאמרת בתקיפות ללא חת לש"ש, השקר מתפורר ונגזה לרוח. וכאשר אוהבי השקר, שומעים קול האמת האמיתית, יודעים הם היטב בעמקי לבבם, כי הצדק עם משמיעי האמת, או עכ"פ מעוררים לחשוב שיתכן ויש ספק במהלכם עד עתה. ובזה מובן, מדוע נבהלו אלופי אגודת ישראל, אילי המזרחי יאחזמו רעד, נמוגו כל יושבי המדינה הציונית. האמת מבהילה עשתונותיהם; האמת מרעידה מחשבותיהם; האמת ממוגגת כל מחשבות לבם כי המה הבל.

זאת חדא. ותו, בסתר לבם יראים המה, שמא קול האמת יעשה רושם על חלושי דעת, שמא כל מה שעמלו לבנות בנינים של שקר יהרסו הקיצונים האלו, ויכירו וידעו מכאן ואילך, כי עד כה חיו חיים של זיוף, האמינו בשטויות והשתעבדו לדמיונות סרק, על כן יצווחו הנוהים אחרי העבודה זרה הציונית, על משמיעי האמת ברמה, כדי למנוע בעד התמימים שבקרבם לעשות חשבון נפש נכון, בשעה כזאת.

להלן קצת פרטים אודות "מרכז הרב", לאלה שלא יודעים. (בראשונה יש לציין, כי זקני ת"ח שבירושלים, קראו לה "מרכב הזב", לשון נופל על לשון, כדי להדגיש את טומאת "מרכז הרב").

מה זה מרכז הרב? מרכזו של איזה "רב" שם?

אין שום סוד בזה, הרי מקצת "שבחם"... מסיח לפי תומו מהעיתונים, וז"ל:

"ישיבת מרכז הרב בלב ירושלים, נחשבת "לאחת מישיבות העילית של הציונות הדתית!". הרי לפנינו ראשית חשיבותה של הישיבה...

מי יסד אותה?

"נתייסדה ע"י הרב הראשי הראשון של ארץ ישראל, הרב קוק" - ימ"ש. הנה נתגלה שורש פורה ראש ולענה של "ישיבה טמאה" זו.

להלן נאמר על זאת הישיבה, שהיא משמשת:

"כמרכז רוחני, שמשלב לימודים תורניים והשתלבות בפעולות הציונות". מיזוג נפלא של "רוחניות" שלהם... עם פעולות ציונות, אולי כדי להגדיל גיהנמו של מייסדם הכומר הטמא.

ואם בישיבה עסקינן, מי המה תלמידיה?

הסכיתו ושמעו: "במשך השנים למדו בישיבה, אלפי צעירים שהפכו לעמודי התווך בחיי הציונות הדתית! בין הבוגרים אפשר למצוא "האלופים" - (כבר הקדימם ראש העמלקים עשו הרשע, שהיו לו הרבה אלופים... עיין בסוף פרשת וישלח) - אלעזר שטערן, ישי קער ראשי הציבור של המזרחי, כמו "הרב" משה צבי נריה ראש "ישיבות בני עקיבא" (הישיבות הציוניות המפורסמות של אנשי המזרחי). חבר הכנסת לשעבר חנן פורת. ואפילו --- עזריאל קרליבך! ואם תאמרו מי הוא העזריאל קרליבך הזה? הרי התשובה: "המייסד והעורך הראשון של העיתון מעריב! גם הוא תלמיד "מרכז הרב". (למי שאינו יודע, "מעריב", שמו של הכתב עת היומי האפיקורסי, הגדול ביותר במדינה הציונית).

עד כאן מקצת דמקצת מפרטי ישיבת הסטרא אחרא, ששמה "מרכז הרב".

כיון שכבר נודענו יחוסה של הישיבה, יש מקום לידע קצת פרטים אודות מייסדה, מי הי' אותו הרב?

ראש וראשון להשריש בלב אלפי ישראל את רעיון הציונות הארורה, רעיון העצמאות, שהטיף דברי דופי כל ימיו, וחידש את הרעיון שצריכין להקריב נפשות ישראל ותרי"ג מצוות בשביל המטרה "הקדושה" של הקמת מדינת ישראל. הוא הגבר אשר כל גדולי ישראל התריעו ולחמו נגדו בחירוף נפש, ואף קללו אותו כידוע.

עלינו לעיין קצת בהיסטאריע של מלחמות הציונים - לפני ואחרי קום מדינתם - בקיצור נמרץ.

ידוע איך הלהיבו אש הנקמה של הערביים והמצרים והטורקים ועוד, בהתגרותם בחוצפה יתירה נגדם. כמה וכמה פעולות טעראר לימדו את בני הנעורים נגד הגוים, קרוב למאה שנה, ואשר אח"כ הביאו עליהם שצף קצף. וכן כל הצרות הרעות, מיתות משונות של ארבע מיתות בית דין, שעברו על יושבי ארץ הקודש, ובעיקר מאז נוסדה המדינה הארורה הזאת, נגרמו אך ורק מחמת ההתגרות הבלתי פוסקת של הציונים הרעים והמושחתים.

# 60
# אנו בוכים כבר ששים שנה!

### אוהבי ישראל או אוהבי מדינת ישראל?!

הבה נראה כיצד נהגו במצב כזה, רבותינו הקדושים אוהבי ישראל האמתיים, רועי ישראל הנאמנים. שפכו דמעות שליש, לא רק כשנהרגו תלמידי "מרכז הרב"... מנהיגי ישראל האמתיים כבר בכו מאין הפוגות, אז כשנתייסדה המדינה הטמאה, כי דאגו על הצרות המשונות והרציחות, שיסתעפו עי"ז מאומות העולם ומהציונים.

זכור נזכר כמה דמעות שפך הגה"צ רמ"ב ווייסמאנדל זצ"ל, על שותפות הציונים עם הנאצים, שבגללם נרצחו אלפי אלפים מישראל.

זכור נזכור בימי המלחמה בקיץ תשכ"ז (שהציונים קראו לה מלחמת ששת הימים), שנהרגו אז כשבע מאות נפשות מישראל, ורבני אגודת ישראל מפורסמים "אוהבי ישראל" חגגו את הנצחון המזוייף, ושמחו לקראת הנסים הבדויים (שעתה אחר ארבעים שנה, כבר עברו אותם ניסים לרשות הערבים...) ורקדו ליד הכותל המערבי בשוררם הפסוק, "והביאותים אל הר קדשי ושמחתים בבית תפלתי", ולא כאבו את אבדון שבע מאות נפשות בני ישראל, שאלולא נהרגו, לא התקיימה שם הרקידה הנלהבה הזאת, בשירת "והביאותים". אך יחיד הדור - בכה אז מאין הפוגות. לבו של רבינו הקדוש מסאטמאר זצ"ל שתת דם, על בני ישראל שהופקרו בזדון לב מנהיגיהם, וכלשונו בהקדמת ספרו "על הגאולה ועל התמורה", וזל"ק: ובלאו הכי, הלא אין שום ספק שבעולם, שיהי' ח"ו איזה היתר לאבד אף נפש אחת מישראל, עבור קיום כל אותה המלוכה הטמאה. הכי יש היתר עפ"י התורה, להפקיר ולגרום אבדון נפשות ישראל, וחביב ויקר לפני השי"ת כל נפש מישראל, וכל חפצי העולם לא ישוו בה. עכל"ק.

אותם מאחב"י שלא השתתפו מעולם בשום ענין עם הציונים, הם המה אוהבי ישראל האמתיים, המה רשאים לבכות עכשיו, המה מרגישים את צער השכינה על רציחת יהודים. ואלה שלא בכו אז, אלא עתה בוכין בעת שמדינת ישראל מושפלת, ומנוצחת בידי בני בלי שם, שלא למדו כללי מלחמה מעולם, ולא מרוויחים אפילו לקניית נעלים לרגליהם, את זאת את בזיון הציונות המה מבכים, ולא על בני ישראל שנשבו והוחטאו ונהרגו.

אנו בוכים ומבכים מרה על האסון, אבל גם על:

- **אלפים ורבבות מאחב"י שנשתמדו ע"י הציונים ימ"ש, אשר חז"ל קבעו: "גדול המחטיאו יותר מן ההורגו".**
- **האלפים שנהרגו במלחמותיהם במיתות משונות רח"ל.**
- **על אשר בגלל התגרותם הקבועה עם הערבים, עלה בידי רוצחי "כאמאס" להשיג "אתחלתא דגאולה" לערבים, בשפיכת דם ישראל ה"י.**
- **על עלבון התורה והשכינה, שאותה מדינה ארורה משתמשת בשם ישראל, על כל פעולותיהם הטמאות, וההתגרות באומות ללא הפסק זה כמה שנים.**
- **על התחברות אלפי בני תורה ושומרי מצות עם הפושעים, שבזה הם מסייעים לקיום ממשלת זדון, שתיעקר במהרה על ידי הקב"ה.**
- **על צער השכינה הקדושה, שזה כמה שנים שירושלים עיר הקודש, ובעיקר במקום המקדש, נהפך לעיר של חולי חולין, וכל טומאה וזוהמה שם, ומציון תצא עקירת התורה, ודבר חירוף כלפי שמיא מירושלים. רח"ל.**

ועל כן נקוה לך ה' אלקינו לראות מהרה בתפארת עוזיך, בבנין ירושלים עיר הקודש ע"י משיח צדקנו, בשוב ה' את שיבת ציון יגל יעקב ישמח ישראל אמן כן יהי רצון.

---

# נייער שיעור אין ספה"ק ויואל משה אויפן "נטרונא" טעלעפאן ליניע

(פארזעצונג פון זייט 1)

וואס עס זענען נתרבה געווארן טעלעפאן ליניעס, פון פארשידענע שיעורי תורה, ביי וועלכן אידן הערן זיך צו צו א רייכן אוצר פון דרשות און שיעורים – האט זיך דאן געשאפן א פארלאנג, אז עס זאל אויך געגרינדעט ווערן א טעלעפאן ליניע, וואס זאל זיין ספעציפיש געשטעלט אויף שיעורים אין הינזיכט פון מלחמה לד' בעמלק, די מלחמה קעגן ציונות.

דערפאר האט "נטרונא" מוסיף געווען אויף איר לאנגע ליסטע פון פעולות, דעם נייעם איינפיר פון א טעלעפאן ליניע. "נטרונא" האט זיך צוזאמגעשטעלט מיט די בארימטע טעלעפאן ליניע "קול דודי דופק", און געעפנט א ליניע אינערהאלב "קול דודי", אין איין באשטימטע אפטיילונג, וואס אנטהאלט שיעורים בעניני אמת ואמונה, אונטערן נאמען פון "נטרונא".

ווי דערמאנט, געפינט זיך אויפן דאזיגן טעלעפאן ליניע דרשות פון רבי'ן זי"ע, און אויך באלערנדע אויפטריטן פון די "נטרונא" באנקעטן, וואס שטעלט מיט זיך פאר, גאר א רייכער אוצר פון ידיעות און דברי תורה, וואס נעמען ארום דעם פעלד פון מלחמה קעגן ציונות.

דערפאר זענען פאראן פילע שלומי אמוני ישראל וועלכע רופן כסדר אריין צו "נטרונא", צו הערן דא"ח חוצבים להבות אש, פונעם רבי'ן זי"ע'ס הייליגע רייד, אדער פון די "נטרונא" באנקעטן – וועלכע קומען אויך באגלייט מיט היסטאריע און אינטרעסאנטקייט.

*

דורכאויס די צייט האבן שלומי אמוני ישראל אויסגעדרוקט א פארלאנג, אז "נטרונא" זאל באררייכערן איר טעלעפאן ליניע, מיטן ארויפלייגן א שיעור אויך אין ספר הק' ויואל משה. די בקשה האט געלויטעט, אז עס זאל צוגעשטעלט ווערן א שיעור אינעם ספר הק', פארגעלערנט בטוב טעם ודעת, אויף אן אופן וואס איז שוה לכל נפש, אז סיי ווער עס וויל הערן די הייליגע ווערטער, געשריבן בדם לבבו ובאש קודש, דורך מרן רביה"ק מהר"י ט"ב זי"ע, זאל זיי קענען קונה זיין און פארשטיין.

די וויכטיגקייט דערפון איז פארשטענדליך, אז די הייליגע יסודות פון איסור דחיקת הקץ, און די דריי הארבע שבועות, און אזוי ווייטער, איסורים וואס רירן צו די אמונה אין ביאת המשיח, זאלן זיין אפען לכל דורש ומבקש, און זאלן קענען געהערט ווערן, קלאר אפגעלערנט, דורך א גוטן מגיד שיעור, כדי מען זאל די האקעלע ענינים זיך קענען ערקונדיגן.

אזא שיעור וועט זיין בייהילפיג פאר יעדן איינעם, און בפרט פאר די אידן וואס קענען נישט אליין לערנען דעם ספר, צוליב מאנגעל אין צייט, אדער מחמת קוצר המשיג ועומק המושג – וועלן זיי אבער איצט עס יא קענען דורכלערנען, דורך הערן דער טעלעפאן ליניע.

די הנהלה פון "נטרונא", כאטש זיי זענען איבערגעשטרענגט מיט ארבייט, צוליב אנדערע אנגייענדע פעולות, פונדעסטוועגן האבן זיי מסכים געווען צו נעמען אויף זיך אויך די דאזיגע אונטערנעמונג, און אהערשטעלן דעם שיעור.

די הנהלה האט אויסגעקליבן א פאסיגן מגיד שיעור, וועלכער איז באקאנט אלס מגיד מישרים ונואם בחסד עליון, הרה"ג רבי יודל כ"ץ שליט"א, אויסטראליע, זעענדיג אין אים דעם פאסיגן קאנדידאט פארצולערנען דעם ספר.

הרה"ג רבי יודל שליט"א האט מיט עטליכע וואכן צוריק אנגעהויבן זיין שיעור פון אנהויב ספר, וואו ער האט פארגעלערנט א גרויסער טייל פונעם

(פארזעצונג אויף זייט 4)

*אם ה' לא ישמר עיר שוא שקד שומר:*

# בין לאַדן'ס שותף רופט מוסלעמענער צו אַטאַקירן ח"ו אידן איבער די וועלט צו נקמה נעמען פאַר די פּאַלעסטינער




### זיכערהייט אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע וואָרנט אידישע אינסטיטוציעס צו זיין וואַכזאַם

ניו יאָרק – אין די צייט וואָס די ציונים גרייטן זיך צו פייערן די זעכציגסטע יאָרטאָג פונעם יום המר והנמהר ווען עס איז יצא העגל הזה, קומט אַלץ פרישע, אויפשוידערנדע דערמאַנונגען פאַר אידן איבער די וועלט איבער די צרות און סכנות וואָס די רשעים און די מדינה'ס עקזיסטענץ ברענגן נישט בלויז אויף די דאָרטיגע איינוואוינער, נאָר אויך אויף אידן סיי וואו איבער די וועלט.

מאָנטאָג פרשת שמיני איז ערשינען אַ מעסעדזש פון אַל-קאידאַ'ס נומער 2 וועלכע העצט זיינע מוסלעמענער פאַרערער צו אַטאַקירן אידישע צילן סיי וואו איבער די וועלט, און שפעטער האָט די עס.סי.ען. (סעקיור קאָמיוניטי נעטוואָרק) אַרויסגעגעבן אַן אַלערט וועלכע האָט געוואָרנט אידישע אינסטיטוציעס אין די פאַראייניגטע שטאַטן צו זיין געוואָרנט פון פאַרדעכטיגטע אַקטיוויטעטן, און שטיין אויף דער וואַך קעגן מעגליכע אָנגרייפן.

די מעסעדזש וועלכע ווערט געלופטערט אין איימאַן אַל-זאַוואַהירי'ס שטימע, פאָלגט נאָך אַ רוף פון בין לאַדן וועלכע רופט פאַר אַ זשיהאַד קריג צו באַפרייען פּאַלעסטינע. די צוויי אַרכי-טעראָריסטן – וועלכע נויטיגן זיך נישט אין קיין סיבות צו מאָרדן מענטשן – האָבן ליידער גענומען פראָפּעגאַנדירן מיט די מיטל מזרח קאָנפליקט און קעגן אידן, איינזעענדיג אַז די טעמע קען אָנרייצן די איסלאַמער וועלט צו אַטאַקירן און טעראָריזירן. זייער רייטן אויף די טעמע, קענען חלילה באַדייטן אַז זייערע ראַדיקאַלע, פּאַנאַטישע נאָכפאָלגער זאָלן זיך מער קאָנצענטרירן אויף אידישע צילן.



"מוסלעמענער, היינט איז ענקער טאָג. גרייפט אָן די אינטערעסן פון די אידן, די אַמעריקאַנער, און אַלע פון די וואָס האָבן טייל גענומען אין די אַטאַקעס אויף מוסלעמענער," איז טייל פון די שוידערליכע מעסעדזש וואָס איז געוואָרן אויפגעשפּילט אין אַל-קאידאַ און אַנדערע איסלאַמישע וועב-זייטלעך, און איבערגעשפּילט דורך די וועלט פּרעסע. "קוקט נאָך די צילן, זאַמעלט געלט, גרייט אָן די געציייגן, פּלאַן מיט פּונקטליכקייט, און דערנאָך... גרייפט אָן, זוכנדיג מאַרטירערשאַפט און פּאַראַדייס," זאָגט דער נומער 2 אין אַל-קאידאַ אין די 4 מינוט 44 סעקונדע סטעיטמענט. אַנאַליסטן האָבן געזאָגט אַז עס שיינט אַז דאָס איז טאַקע אַן אויטענטישע מעסעדזש פון אים.

אין דעם רוף באַטאָנט אַל-זאַוואַהירי זייער שטאַרק אַז מ'דאַרף אַטאַקירן אידן אומעטום, ווייל ער באַשולדיגט אַלע אידן איבער די וועלט,

(פארזעצונג אויף זייט 5)

# נייער שיעור אין ספה"ק ויואל משה אויפן "נטרונא" טעלעפאן ליניע

(פארזעצונג פון זייט 3)

הקדמה. פון דארט וועט ער ווייטער גיין אויפן סדר, צו פארענדיגן דעם הקדמה, און דאן אנהויבן דעם ערשטן מאמר שלש שבועות, און דורכגיין אלע שיינע מקצועות בעניני גלות וגאולה, דורכאויס דעם גאנצן לענגערן מאמר. דערנאך ווערט ער לערנען דעם צווייטן מאמר בעניני מצות ישוב ארץ ישראל, און אזוי ווייטער דעם דריטן מאמר בעניני לימוד לשון הקודש.

עס איז וויכטיג צו באמערקן, אז דער רבי זי"ע האט שטארק געוואלט אז זיינע חסידים ותלמידים, זאלן לערנען און חזר'ן דעם הייליגן ספר.

אבער ווי פריער דערמאנט, איז דערביי פאראן אן עומק המושג, ווייל דער ספר ויואל משה איז א טיפער לימוד. דער ספר איז דאך סוף כל סוף געשטעלט צו מברר ומלבן זיין את האסור ואת המותר, אין די סוגיא פון ציונות והמסתעף, א זאך וואס נעמט ארום פיל בירורים וביאורים, אין פארשידענע מקצועות התורה, ממילא פאדערט עס אן עיון רב. – אזוי ארום אז די טיפקייט פונעם לימוד האלט אפ פילצאליגע אידן, אפילו סאטמארער תלמידים, פון לערנען דעם הייליגן ספר.

דאקעגן איצט, ווען דער לימוד וועט פארגעלערנט ווערן בטוב טעם ודעת דורך א באגאבטן פארלערנער, און דורך א טעלעפאן ליניע, וואו מען קען אלעמאל צוקומען, איז דאס א גינסטיגע געלעגנהייט פאר סאטמארער אידן, זיך אנצושליסן אינעם שיעור, און מיטהאלטן דעם לימוד מרישא ועד גמירא.

עס איז צו האפן אז דער ציבור תלמידי וחסידי סאטמאר, חובבי תורת מרן רביה"ק זי"ע, וועלן זיך אנשליסן אינעם שיעור, כדי זיך צו ערקונדיגן דעם תורת אמת, דער בירור להלכה והוראה למעשה אין די הארבע ענינים, וואס דער רבי זי"ע האט מוריש געווען לדור אחרון "באש שחורה על גבי אש לבנה", את הדרך נלך בה והמעשה אשר נעשה.

צו הערן דעם שיעור, רופט "קול דודי דופק", אויפן נומער: 718-989-6844, און דאן גייט אריין אין "נטרונא" ליניע, דורך דרוקן נומער 9, וואו איר וועט קענען צוקומען צום שיעור אין ויואל משה.

*אם ה' לא ישמר עיר שוא שקד שומר:*

# בין לאַדן'ס שותף רופט מוסלעמענער צו אַטאַקירן ח"ו אידן איבער די וועלט צו נקמה נעמען פאַר די פאַלעסטינער




**ציכערהייט אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע וואָרנט אידישע אינסטיטוציעס צו זיין וואַכזאַם**

(פאַרזעצונג פון זייט 4)

נישט בלויז ארץ ישראל'דיגע איינוואוינער, אין די לעצטע איזראַעלישע אַריינדרינג אין עזה: "היינט איז נישטאָ קיין פלאַץ פאַר דעם וואָס זאָגט אַז מיר זאָלן בלויז באַקעמפן די אידן אין פאַלעסטינע. לאָמיר אַנגרייפן זייערע אינטערעסן סיי וואו, פונקט וואו זיי האָבן זיך צונויפגעזאַמעלט קעגן אונז פון איבעראַל."

ווען ס'איז אויפגעקומען דער רעיון הציוני, האָבן די פאַרשאָלטענע ערפינדער זיך געגרויסט אַז זיי וועלן זיין די פאַרטיידיגער פונעם כלל ישראל, אָבער גדולי ישראל האָבן דאַן געוואָרנט און מרעיש עולמות געווען אַז דאָס וועט אָנברענגען רדיפות נוראות און סכנות אויפן כלל ישראל, סיי צוליב די שרעקליכע עונשים פון אני מתיר את בשרכם, און אפילו פון אַ גשמיות'דיגן שטאַנד-פונקט האָבן זיי געוואָרנט אַז די התגרות באומות פון די מופקרים וועט ברענגען נקמות און רדיפות אויפן כלל ישראל.

במשך די יאָרן איז דאָס נעבעך מקויים געוואָרן במלוא מובן המלה, און נאָכמער ווי מ'האָט זיך געקענט פאָרשטעלן. עס איז איבעריג צו זאָגן אין וואָס פאַר אַ סכנה די אידן אין ארץ ישראל געפינען זיך. ס'איז היינט נישט פאַראַן קיין אָרט אין דער וועלט וואו עס ווערן געצילט ראַקעטן אויף אידישע ישובים, מדי יום ביומו. זינט הקמת המדינה זענען די דאָרטיגע אידישע קרבנות געווען פילפאַכיג מער ווי סיי וואו איבער די וועלט.

אָבער די סכנות וואָס די רשעים ברענגען אָן אויפן כלל ישראל, איז נישט באַגרענעצט בלויז צו די וואָס שטיצן דעם רעיון הטמא, צו די וואָס וואוינען אין זייערע גרעניצן אָדער צו די וואָס האָבן אַ שייכות מיט זיי, נאָר אידן איבער דער גאָרער וועלט ליידן בעל כרחך פון זייער אַקציעס און הפקר'דיגע שריט. עס איז וואויל באַוואוסט, די ציוני'סטישע ראָלע אין אָנרייצן היטלער'ן, ווען זיי האָבן דערקלערט קריג קעגן אים. שפעטער האָבן זיי געברענגט אַ קייט פון רדיפות, גירושים, און אויך שפיכת דמים צווישן אידן אין די אַראַבישע לענדער, וועלכע זיי האָבן אויפגערייצט.

ליידער איז די סכנה נאָך היינט אַקטועל און עס גייט אָן. אַראַבער איבער דער גאָרער וועלט זעען אַלע אידן אַלס שותפים און מיטאַרבעטער פון די ציונים, און האָבן אַ האַס קעגן אידן וואָס קען פירן ר"ל צו גאָר ביטערע פאָלגען. אין די לעצטע יאָרן האָבן סטאַטיסטיקס געוויזן אַז ווען עס איז געווען נייעס פון איזראַעלישע אַקציעס קעגן זייערע שכנים, איז דראַמאַטיש אַרויפגעשפרינגען די צאָל אַנטיסעמיטישע אַנגרייפן און אַטאַקעס אויף אידן איבער די וועלט.

איצט, לויפט דורך אַ סקרוך אין די ביינער צו הערן דעם רוף פון דעם אַל-קאידאַ אַרכי-מערדער ווי ער העצט זיינע אויסהערער קעגן אַלע אידן, זאָגנדיג אַז זיי זענען שולדיג און מיטאַרבעטער מיט די ציוני'סטישע אַקציעס קעגן די אַראַבער.

אויב איז נאָך געווען אַ ספק צי די ווערטער ברענגען טאַקע אַ געפאַר, האָט געכאַפט אַ שוידער צו קוקן דעם אַלערט וואָס די "סעקיור קאָמיוניטי נעטוואָרק" האָט אַנומלעט אַרויסגעגעבן. די גרופע – וועלכע איז אויפגעשטעלט געוואָרן נאָך סעפטעמבער 11 דורך די פירנדע אידישע אינסטיטוציעס אין לאַנד צו העלפן זיך באַשיצן קעגן טעראָר – האָט גערופן אירע מיטגלידער צו זיין מער וואַכזאַם אין אָנבליק פון לעצטע דראָאונגען און אָנגעצויגנקייטן אין מיטל מזרח.

צווישן די סיבות פאַרוואָס מ'דאַרף זיין מער געוואָרנט, איז דאָס וואָס עס איז איצט געקומען צו אַן ענדע די פערציג טאָג טרויער פעריאָדע פאַר כעזבאָלאַ'ס פירנדער טעראָריסט אימאַד מוגהניע, וועלכער איז אָפּגערוימט געוואָרן אין סיריע – אין וואָס עס איז שטאַרק אָנגענומען איבער די וועלט אַז איזראַעל האָט דורכגעפירט די אַקציע, און אויך די רוף פון אַל-קאידאַ'ס נומער 2 אָנצוגרייפן אידישע אינטערעסן אַלס נקמה צו די געוואַלדטאַטן אין עזה. עס.סי.ען. זאָגט אַז במשך די לעצטע שטיק צייט זעט מען שוין אַ העכערונג פון דראָאונגען.

לויט נייעס באַריכטן האָט די היימלאַנד זיכערהייט דעפּאַרטמענט אין די לעצטע טעג אויך פאַראָרדענט אירע אַגענטן צו אַנאַליזירן דעם זיכערהייט צושטאַנד פון אידישע צענטערן, אין אָנבליק פון די געהעכערטע געפאַר אַז זיי זאָלן חלילה ווערן אַ ציל פאַר אַנטיסעמיטן און טעראָריסטן.

דאָס שטרייכט ווידער אַמאָל אונטער די וויכטיקייט אויפצוקלערן די אומות העולם אַז אידישקייט און תורה האָט נישט קיין שייכות מיט די מדינה הטמאה און ציונות, און אידן שטיצן נישט די אַקציעס וואָס איזראַעל פירט דורך.

במשך די יאָרן זינט נטורנא אַרבעט אויפצוקלערן די אַלגעמיינע מאַסן איבער דעם הבדל פון אידן און ציונים, און די התנגדות פון ערליכע אידן קעגן די מדינה, האָט מען שוין ב"ה באַוויזן אויפצוקלערן פילע און צו רעדוצירן זייער האַס וואָס זיי פלעגן זיך אַרומטראָגן קעגן אַלע אידן. אין בריוון צו נטורנא פון נישט-אידן, אַריינגערעכנט מוסלעמענער, ברענגען פילע צום אויסדרוק אַז די אינפאָרמאַציע האָט געברענגט אַן ענדע צו די שנאה וואָס זיי פלעגן האָבן קעגן אַלע אידן, איבערהויפּט פרומע פון וועלכע מ'הערט אָפּט טומלען אין די פרעסע קעגן שלום און פאַר אַ שטייפע ליניע קעגן די אַראַבער.

נטורנא קומט אָן'ץ אַרויס מיט סטעיטמענטס און זוכט פרישע מיטלען צו גרייכן וואָס מער פון די אומות העולם און זיי אויפקלערן דעם ריכטיגן שטעלונג פונעם תורה'דיגן אידעטום. איבערהויפּט ווערן אונטערגענומען אַקטיוויטעטן און אויפקלערונגען אין אַזעלכע צייטן ווען דער איזראַעלישער פאַלעסטינער קאָנפליקט ווערט אָנגעצויגענער און פיגורירט אויף די נייעס, אַזוי ווי איצט. אָבער די עסקנים זאָגן אַז די פעולות וואָלטן געקענט פיל-פאַכיג אויסגעברייטערט ווערן, ווען מ'האָט נאָר ווען די נויטיגע פינאַנציעלע שטיצע.

דער אייבערשטער זאָל העלפן אַז בזכות די אידן וועלכע האַלטן זיך ביי די אמונה הצרופה, זאָלן אַלע אידן איבער די וועלט ניצול ווערן מכל צרה וצוקה ומכל עקתין בישין, און ס'זאָל חלילה קיינעם נישט פאַראורזאַכט ווערן קיין היזקים פון די מעשים פון די מופקרים, ביז מיר וועלן זוכה זיין צום להעביר גילולים מן הארץ, בהתגלות כבוד שמים עלינו בב"א.

# נטרונא רופט: האַלט 'איזראַעל' אינדרויסן פון אַמעריקאַנער פּאָליטיק




## פרעס רעליס אָפּצושטעלן ציונ'יסטישע העצערייען קעגן הויפט קאַנדידאַט האָט שטאַרקער אָפּקלאַנג

### אַגיטאַציעס קעגן קאַנדידאַט ברענגן "דאָפּלטע לאָיאַליטעט" באַשולדיגונגען קעגן אידן וואָס הייצט אונטער אַנטיסעמיטיזם

אין די לעצטע וואָכן ווערט די טעמע פון באַראַק אָבאַמאַ'ס יאָ אָדער נישט שטיצן איזראַעל, און זיינע פאַרבינדונגען וואָס ער האָט מיט אַ שוואַרצן גלח פון שיקאַגאָ - וועלכער ווערט פאַררעכנט צו פירן איינע פון די מאַכטפולסטע שוואַרצע קירכעס מיט טויזנטער אָנהענגער - אַ זייער היציגע קאַמפּיין טעמע אין די איצטיגע פרעזידענטליכע וואַלן. נטרונא איז דערפאַר אַרויסגעקומען מיט אַ שטאַרק פאַרשפּרייטער פּרעס רעליעס, אונטערן קעפּל "האַלט אַמעריקע אינדרויסן פון אַמעריקאַנער וואַל פּאָליטיק," וואָס דערקלערט אַז אידן דאַרפן שטימען לויט ווי אַזוי עס איז אין די בעסטע אַמעריקאַנער אינטערעסן.

רעכט-דענקנדע מענטשן - אפילו פרייע אידישע קאָמענטאַטאָרן - זענען זייער אומרואיג פון די פּראָמינענטקייט און ערנסטקייט פון די טעמע אין נאַציאָנאַלע וואַלן, אָבער ליידער זענען עס ווידער די זעלבע ציונ'יסטישע עלעמענטן וועלכע האָבן שטענדיג אָנגעהעצט שנאת ישראל איבער די וועלט, וועלכע גיסן איצט אויל צום פייער.

די עלעמענטן וועלכע זענען העכסט פּראָפעסיענאַל אין מאַכן אַ גערודער, טומלען אַרום מיט צווייפלענישן צו באַראַק אָבאַמאַ פאַרדינט די אידישע שטימען, וויבאַלד ער האָט נישט קיין קלאָרער רעקאָרד אין בלינדע פריינטשאַפט מיט איזראַעל. די ביישפּילן פון זייערע העצערייען זענען הונדערטער, און גרייכן אין די פּראָמינענטסטע ערטער פון די אַמעריקאַנער פרעסע, אָבער פאָלגענד זענען עטליכע:

די ניו יאָרק פּאָוסט איז פאַר צוויי וואָכן אַרויסגעקומען מיט אַן אַרטיקל אין וועלכע זיי באַריכטן אַז דער מתנחל אַסמעבלימאַן פון באָראָ פּאַרק האָט פאָרגעזאָגט אַז אויב דער שוואַרצער אָבאַמאַ געווינט די דעמאָקראַטישע נאָמינאַציע וועלן אידישע ווילער מאַכן "אַ מאַסן באַוועגונג צו סענאַטאָר מעקעין." הייקינד, באַריכטעט די פּאָוסט, האָט אַראָפּגעריסן אָבאַמאַ פאַר זיין "האַלב-האַרציגע" שטיצע פאַר איזראַעל און זיינע פאַרבינדונגען מיטן גלח דזשערמיע רייט, וועלכער האָט נאָכאַנאַנד אויסגעלויבט דעם אַנטיסעמיטישן נעישאָן אָוו איסלאַם פירער לואיס פאַראַקאַן, וועלכער האָט אינדאָרסירט אָבאַמאַ.

עס איז קאָמיש ווי שטאַרק ער איז מדקדק אויף התחברות לרשעים, ממש כחוט השערה. מ'טאָר נישט שטימען פאַר אָבאַמאַ, ווייל אָבאַמאַ איז אַן אָנהענגער פון רייט, רייט האָט געלויבט פאַראַקאַן, און פאַראַקאַן האָט אַמאָל גערעדט אויף אידן...

די נייעס האָט נישט געשאַפן בלויז דעם איינדרוק אַז די ווערטער פון דעם אַסעמבלימאַן איז די מיינונג פון אידן בכלליות, נאָר עס האָט ספּעציפיש אָנגעדייט אַז עס שפּיגלט אָפּ די געפילן ביי חסיד'ישע אידן. די פּאָוסט האָט באַטאָנט אַז הייקינד איז "אַן אָרטאָדאָקסישער איד וועמען'ס באָראָ פּאַרק דיסטריקט שליסט אַריין די גרעסטע חסיד'ישע בלאָק אין די פאַראייניגטע שטאַטן."

און דער אַסעמבלימאַן אַליין האָט געגעבן אָנצוהערן אַז וואָס ער זאָגט איז דער דעת הקהל ביים היימישן ציבור. פאָלגענד איז ווי אַזוי ער ווערט דאָרט ציטירט: "עס זענען דאָ זייער אַסאַך אידן וועלכע זענען באַזאָרגט וועגן די אישוס, און זיי גייען ווייט ווייטער ווי חסיד'ישע און אָרטאָדאָקסישע אידן, מענטשן וועלכע איך שילדער ווי קאָנסערוואַטיווע רעיגען/זשוליאַני דעמאָקראַטן." דער באַדייט פון די ווערטער איז אַז, אָפּגערעדט אַז חסיד'ישע אידן וועלן אַנטלויפן אין די מאַסן פון אָבאַמא צוליב זיינע איזראַעל פּראָבלעמען, נאָר אויך אַלגעמיינע אידן וועלן עס טאָן.

אויך די דזשואיש פּרעס איז אַרויסגעקומען מיט סטעימענטס אויסרעכענדיג אָבאַמאַ'ס חטאים קעגן איזראַעל און אידן, און ענליכע סטעיטמענטס ווערן אויסגעלופטערט אין די נאָך פרומערע אַנגלאָ-אידישע פרעסע ווי המודיע. די סטעיטמענט - און ענליכע סענטימענטן וואָס מ'לייגט אָן אויף אידן - איז שפּעטער איבערגעלופטערט געוואָרן אין אַנדערע צייטונגען איבער אַמעריקע.

טראָץ וואָס אַנקעטעס צייגן אַז דער שוואַרצער קאַנדידאַט האָט אין געוויסע ערטער אָנגעצויגן גרויסע פּראָצענטן פון די אידישע שטימען און אַז זייער אַ קליינער פּראָצענט - אין די איינצעלנע ציפערן - אידישע ווילער שטעלן איזראַעל אַלס הויפט אישו לויט וועלכע זיין באַשלוסן ווער ס'זאָל באַקומען זייער שטימע, הערט מען אָבער פיל מער די נייעסן פון די אַזוי גערופענע אידישע פאַרטרעטער, און עס שאַפט זיך דער איינדרוק ווי עס שפּיגלט אָפּ די מיינונג פון אַלגעמיינע אידן איבער אַמעריקע.

יעדער רעכט-דענקנדער מענטש פאַרשטייט וואָס פאַר אַ סכנה עס איז דאָ מיט זיך רייצן מיט אַ מענטש וועלכער האָט אַ גאָר גוטער שאַנס צו זיין דער קומענדיגער אַמעריקאַנער פרעזידענט. די אַלע דרוקערייען, אפילו אויב איצט בעת'ן לויפן גיט ער זיך אונטער און וואַרפט צו סטעיטמענטס צו חנפה'ען די רודערער, לאָזט קלאָר איבער ביי אַ פּאָטענציעלער אַמעריקאַנער פרעזידענט אַ שרעקליכן ביטער געפיל אויף אידן. אָבער די טומלער קימערן זיך ליידער נישט דערמיט - דער עיקר אַז אויף די מינוט האָט מען פּובליסיטי.

### דער בלבול פון דאָפּלטע לאָיאַליטעט

אויסער דעם, און פיל אַרגער, איז דאָס וואָס ביי אַלע אַמעריקאַנער בירגער - אָבאַמאַ שטיצער און דאָס זעלבע זיינע קעגנער - שאַפט זיך דער איינדרוק אַז די הויפט אינטערעסע ביי אידן איז די שטיצע פאַר איזראַעל. ווען זיי באַטראַכטן פאַר וועמען צו שטימען קוקט מען נישט ווער ס'וועט זיי בעסער פאַר'ן לאַנד, פאַר די עקאָנאָמיע, און פאַר אַמעריקע'ס זיכערהייט, נאָר ווער ס'איז גוט פאַר איזראַעל. דאָס קומט בעפאָר די פּאַטריאָטישקייט און די אינטערעסן פון זייער אייגן לאַנד.

אָט דאָס האָט זינט די הקמת מדינה אָנגעזייעט אַ געוואַלד מיט אַנטיסעמיטיזם, באַשולדיגנדיג אידן אין דאָפּלטע לאָיאַליטעט, דאָס הייסט אַז זיי זענען נישט בלויז געטריי צו די אינטערעסן פון זייער לאַנד, נאָר זענען מער אָדער אייניג געטריי צו די מדינה. דער שאָפּראָנער רב זצ"ל ברענגט אַרויס די סכנה (תורת א' ח"א מכתב י"ג) אַז עס שוועבט אַ סכנה פון שנאת ישראל דורך די ציונים, ווייל די גויים וועלן זאָגן "היהודים הדרים במדינה זו הם אוהבי מדינה אחרת, ומחוברים לה עד שהם חשודים למעול בגוי אשר הם דרים בו ר"ל.

די חנופה פון פּאָליטיקאַנטן צו איזראַעל ביי די וואַלן צו געפעלן די אידישע מויל-מאַכער, אַ פאַקט וואָס שפּילט אַריין אין די הענט פון שונאי ישראל וועלכע טענה'ן אַז די פאַראייניגטע שטאַטן

(פארזעצונג אויף זייט 8)

# מדינת ישראל באלאנגט נישט אין די אמעריקאנער וואלן

**True Torah Jews: Keep 'Israel' Out of American Election Politics**

PR Newswire Public Interest Services

As the election draws nearer, political debates and rhetoric increase. True Torah Jews are disturbed by the frequent references by politicians to the need for involvement in Israeli politics. The politics and policies of the so-called "state of Israel" should play no part in governing the United States or in our upcoming elections. Rather, the focus should be on the needs of the American people. Jews in the United States are United States citizens and are as concerned with improving the lives of the American people as any other American citizens. Our politicians should be addressing the many problems we are facing here in the United States, not in the "state of Israel".

"We are American Jews, not Israelis. Like any other voters, Jewish voters will vote for politicians whose policies they believe are right for America," said Rabbi Hersh Lowenthal.

In an effort to bolster their popularity, politicians continually expound on their support for the “state of Israel”, thinking that this will sway the Jewish vote. But on the contrary, dragging the problems in "Israel" into American politics and constantly focusing on the Jews is counter-productive. It fuels anti-Semitism, furthers conflicts, and creates a potential danger to Jews worldwide.

This has been a basic norm of the Torah faith ever since the destruction of the holy Temple in Jerusalem and the exile of the Jewish people some two thousand years ago. The great Biblical prophet, Jeremiah, proclaimed G-d's message to all of Diaspora Jewry: "Seek out the welfare of the city to which I have exiled you and pray for it to the Almighty, for through its welfare will you have welfare." (29:7). this message has been a cornerstone of Jewish conduct in exile throughout history.

As Jews, we must be ever mindful of the needs of our Jewish brethren, wherever they may live. But the belligerent attitude of the American Zionist groups only endangers the welfare of Jews in the Holy Land as well as worldwide.

### אין אידישע איבערזעצונג:

אזוי ווי די וואלן דערנענטערן זיך, פארמערט זיך די רעטאריק און פאליטישע דעבאטעס. אמת'ע תורה אידן זענען באזארגט וועגן די אפטע באמערקונגען דורך פאליטישאנס אז מ'דארף זיין פארמישט אין איזראעלישע פאליטיק. די פאליטיק און פרינציפן פון די אזוי גערופענע "סטעיט פון איזראעל" זאלן נישט שפילן קיין שום ראלע אין רעגירן איבער די פאראייניגטע שטאטן אדער אין אונזערע פארשטייענדע וואלן. מ'דארף זיך ענדערש קאנצענטרירן אויף די געברויכן פון די אמעריקאנער בירגער. אידן אין די פאראייניגטע שטאטן זענען אמעריקאנער בירגער און זענען פונקט אזוי אינטערעסירט צו פארבעסערן דאס לעבן פאר אמעריקאנער ווי אנדערע בירגער. אונזערע פאליטישאנס דארפן זיין פארנומען מיט אדרעסירן די פילע פראבלעמען וואס שטייען פאר אונז אין די פאראייניגטע שטאטן און נישט אין מדינת ישראל.

"מיר זענען אמעריקאנער אידן, נישט איזראעליס. אזוי ווי סיי וועלכע אנדערע ווילערס וועלן אידישע ווילערס שטימען פאר די פאליטישאנס וואס זיי גלויבן אז זייערע פרינציפן זענען גוט פאר אמעריקע." האט ר' הערש לעווענטאהל געזאגט.

כדי צו הויבן זייער פאפולעריטעט באטאנען פאליטישאנס כסדר זייער שטיצע פאר מדינת ישראל, ווייל זיי מיינען אז דאס וועט באאיינפלוסן די אידישע ווילערס. ס'איז אבער פונקט פארקערט; ארייננשלעפן די פראבלעמען פון איזראעל אין אמעריקאנער פאליטיק און זיך כסדר קאנצענטרירן אויף דעם האט א פארקערטע ווירקונג. ס'פלאקערט אויף אנטיסעמיטיזם, פארמערט קאנפליקטן און שאפט א מעגליכע סכנה פאר אידן איבער די וועלט.

דאס איז געווען א יסודות'דיגע טייל פון תורה'דיגן גלויבן זינט דעם חורבן בית המקדש ווען אידן זענען פארטריבן געווארן אין גלות בערך צוויי טויזענט יאר צוריק. דער נביא ירמי' האט אויסגערופן דעם אויבערשטנ'ס ווארט צו אלע אידן אין גלות: "זוכט דעם וואוילזיין פון די שטאט צו וועלכע איך האב אייך פארטריבן און זייט מתפלל צום באשעפער פאר די שטאט, ווייל דורך איר וואוילזיין וועט איר אויך האבן וואוילזיין." (כט:ז) די ווערטער זענען געווען דער אבן הפינה פון אידישע אויפפירונג אין גלות דורכאויס די היסטאריע.

אלץ אידן דארפן מיר שטענדיג זיין פארזיכטיג וועגן דעם וואוילזיין פון אונזערע ברידער, וואו אימער זיי וואוינען. אבער דער אגרעסיווער צוגאנג פון די אמעריקאנער ציוניסטישע גרופעס שטעלט נאר אין געפאר דעם וואוילזיין פון אידן אין ארץ ישראל און איבער די וועלט.

# נטרונא רופט: האַלט 'איזראַעל' אינדרויסן פון אַמעריקאַנער פּאָליטיק




## פּרעס רעליס אָפּצושטעלן ציונ'יסטישע העצערייען קעגן הויפּט קאַנדידאַט האָט שטאַרקער אָפּקלאַנג

### אַגיטאַציעס קעגן קאַנדידאַט ברענגן "דאָפּלטע לאָיאַליטעט" באַשולדיגונגען קעגן אידן וואָס הייצט אונטער אַנטיסעמיטיזם

(פאַרזעצונג פון זייט 6)

טוט זאַכן קעגן אירע אינטערעסן, זייענדיג אונטער'ן קאָנטראָל פון די ציונים. דאָס לעקן זיך צו די ציוני'סטישע אינטערעסן, און דאָס ווידערהוילן די געטריישאַפט צו איזראַעל'ס געברויכן, דינט זיי אַלס שטאָף איבערצוצייגן זייערע טענות אַז אידן דאָמינירן וואַשינגטאָן.

די דאָפּלטע לאָיאַליטעט טענה האָט במשך די לעצטע הונדערט יאָר געדינט אַלס שטאָף פאַר שונאי ישראל, צו זאָגן אַז אידן זענען נישט גענוג פּאַטריאָטיש און אַרבעטן קעגן די אינטערעסן פון זייערע לענדער. אויך היטלער נוצט עס אין זיין טרויעריג-באַרימטע טאָג בוך מיין קאַמף. אין אונזערע צייטן איז עס אויך אַ הויפּט וואָפן פון אַנטיסעמיטיזם, און די איצטיגע טומלענישן קעגן דעם דעמאָקראַטישן קאַנדידאַט איז עלול אַריינצושפּילן אין זייערע הענט און שרעקליך אויפפלאַמען די האַסן קעגן אידן ר"ל.

ביי די פּרשה פון די מאַראָקאַנער אידן, קעגן וועלכע די ציונ'יסטן האָבן אָנגעזייעט שנאת ישראל זיי זאָלן מוזן אויסוואַנדערן קיין ארץ ישראל, האָבן די ציונים אויך גענוצט דאָס אָפּמאָלן די אידן ווי אומגעטרייע בירגער, וועלכע זענען בלויז לאָיאַל צו איזראַעל, כדי צו אָנצורייצן די גויים קעגן זיי. רבינו הק' זי"ע האָט דאַן געזען וואָס פאַר אַ סכנה און שנאה די באַשולדיגונג ברענגט אויף אידן, און האָט דעמאָלט געשריבן צום מאַראָקאַנער קעניג אַ בריוו אָפּצושלאָגן די שנאת ישראל וואָס האָט זיך געשאַפן צוליב די באַשולדיגונגען.

דער בריוו, אונטערגעשריבן מיטן רבי'נס נאָמען, שטרייכט אונטער אַז אידן זענען געטריי בירגער צו זייערע לענדער. דאָס ציינט ווי ווייט דער רבי האָט זיך געזאָרגט פאַר די דאָפּלטע לאָיאַליטעט ליילעך וואָס מ'ציעט אַרויף אויף אידן, טוענדיג דאָס אומגעוועגליכע פון שרייבן אַ בריוו צו אַ רעגירונג פירער דערוועגן.

דער פאַקט איז אַ דאָפּלטע לאָיאַליטעט איז שוין איצט אַ הויפּט פאַקטאָר אין די שטייגנדע אַנטיסעמיטיזם אין די וועלט. אַן אָפיציעלער באַריכט וואָס די אַמעריקאַנער אויסערן מיניסטעריום האָט אַרויסגעגעבן פאָריגע וואָך איבער דעם פּראָבלעם פון אַנטיסעמיטיזם איבער די וועלט, טאַקע אויסגערעכנט "דאָפּלטע לאָיאַליטעט" און "אַנטי-ציונ'יזם" אַלס איינע פון פינף הויפּט אַנטיסעמיטישע דיסקוסיע פונקטן." דאָס ווערט אויסגערעכנט אינאיינעם מיטן "בלוט-בלבול," האָלקאָוסט לייקענונג און קאָנספּיראַטע טעאָריעס אַז אידן פירן די וועלט.

פיל אַן ערגערע, און נענטערע סכנה, איז דאָס וואָס די וואָס האַלטן זיך אַלס אידישע וואָרט-זאָגער לאָזן זיך הערן מיט פאַרדאַמונגען קעגן דעם שוואַרצן קאַנדידאַט'ס שייכות מיט שוואַרצע גלחים וועלכע האָבן אַ היסטאָריע פון אַנטיסעמיטישע אויסדרוקן. ביי אַ דעבאַטע איז דער קאַנדידאַט דערקוטשעט געוואָרן איבער דעם פאַקט אַז ער איז אינדאָרסירט געוואָרן דורך לואיס פאַראַקאַן, און ער האָט עס געמוזט צוריקווייזן.

אפילו פרייע אידישע קאָמענטאַטאָרן האָבן דאַן געשריבן אַז זיי האָבן זיך געשפּורט אומבאַקוועם פאַרוואָס די "אידישע אישו" האָט פאַרנומען אַזאַ פּראָמינענט אָרט און איז געווען די הויכפּונקט פונעם נאַכט ביי אַ נאַציאָנאַלע דעבאַטע. דאָס איז אַן אויסגאַנג פון די טומלענישן פון געוויסע אידישע מויל-מאַכער, וועלכע שאַפט דעם איינדרוק אַז דאָס איז דער דעת הקהל פון די דורכשניטליכע אידישע וויילער.

דעם דינסטאָג האָט אָבאַמאַ געמוזט האַלטן אַ רעדע וואָס איז באַצייכנט געוואָרן אַלס "העכסט-וויכטיגע ספּיטש" זיך צו פאַרטיידיגן פאַרוואָס ער איז פאַרבינדן מיטן גלח דזשערעמי רייט, פון וועמען עס זענען דאָ אַנטי-אַמעריקאַנער און אַנטי-אידישע סטעיטמענטס.

נניח אַז אָט די צוויי גלחים זענען טאַקע פּאָלנע אַנטיסעמיטן – וואָס די הוכחות דערין זענען פון געקליבענע רעדעס במשך לאַנגע יאָרן, און פילייכט קען מען צווישן זייער דעמאַגאָגיע אויך טרעפן שאַרפע אויסדרוקן קעגן אַנדערע גרופּעס, ווייל זיי זענען נישט קיין פּאָליטיקאַנטן וועלכע טראַכטן איבער און מעסטן יעדעס וואָרט, נאָר רעדן לויט די מאָמענטאַלע געפילן - איז אָבער קלאָר אַז פיל ערגערע שאָדנס פאַר אידן – ה"י - זענען גורם די וואָס מאַכן דערפון אַ הויפּט אישו אין די איצטיגע וואַלן.

עס איז אומפאַרשטענדליך וואָס פאַר אַ זין עס האָט זיך אַרויסצולאָזן קעגן אַ קאַנדידאַט - אפילו נישט צוליב זיין אייגענע אַנטיסעמיטיזם, נאָר ווייל ער איז פאַרבינדן מיטן גלח רייט וועלכער האָט אַמאָל גערעדט קעגן אידן! אפילו זיי וועלן זיין דערפאָלגרייך, און דער קאַנדידאַט וועט זיך אָפּטרייסלען פון אים, וואָס וועט מען פאַרדינען דערפון? אַנשטאָט פאַרמינערן שנאת ישראל, פלאַמט עס פיל מער אויף אַנטיסעמיטיזם ביי דעם גלח און זיינע טויזנטער אָנהענגער, ותוצאותיו מי ישורנה, ה"י.

דאָס זעלבע איז מיט פאַראַקאַן. ער ווערט פאַרערט דורך מיליאָנען שוואַרצע אַמעריקאַנער, און דאָס העצן קעגן דעם דעמאָקראַטישן קאַנדידאַט, בלויז ווייל ער איז אינדאָרסירט געוואָרן דורך אים, און ווייל פאַראַקאַן איז גוט מיט זיין גלח – ד.ה. אַ גאָר ווייטע קורבה – האָט נישט קיין שום נוצן, אויסער חלילה אויפהעצן אים און זיינע ריזיגע מאַסן ר"ל.

רבינו הקוה"ט זי"ע האָט מרעיש עולמות געווען אַז פונקט ווי די רשעי הציונים האָבן אָנגערייצט די איינוואוינער אין די אַראַבישע מדינות קעגן די אידישע איינוואוינער - וואָס הונדערטער טויזנטער זענען נעבעך צוליב דעם פאַרטריבן געוואָרן און געצווינגען געוואָרן אויסצוואַנדערן פון זייערע היימען צוליב די שרעקליכע שנאת ישראל וואָס זיי האָבן אָנגעזייעט, און עס האָט ליידער אויך געקאָסט אידישע נפשות – דאָס זעלבע טוען זיי אויך אין די פאַראייניגטע שטאַטן: "ואם רק יביטו ויתבוננו היטב יראו בחוש כי גם כאן בארה"ב הם עושים כל טצדקי להגדל שנאת האומות, כאשר עשו מלפנים במדינות אירופא. וזקוקין ישראל לרחמים גדולים שלא תעלה בידם להפק זממם הרע ולבצע את אשר יזמו לעשות, כי ע"י עזות ומלשינות יכולין להרוס הכל." (דברי יואל נשא עמ' קכ"ח).

אויב האָט דאַן אויסגעפעלט "יביטו ויתבוננו היטב," זעט מען אין די איצטיגע צייט קליפּ און קלאָר ווי די אומפאַראַנטוואָרטליכע ציונים און די וואָס גייען אין זייער גאַנג רייצן אָן שנאת ישראל.

נטרונא אַרבעט במשך דעם קיילעכיגן יאָר אָפּצושלאָגן די שאָדנס וואָס די מופקים ווירטשאַפטן אָן, דורך אינפאָרמירן די פּרעסע און פאַרשפּרייטן ביי די אַלגעמיינע אַמעריקאַנער בירגער אַז דאָס שפּיגלט נישט אָפּ דעם אידישן, תורה'דיגן געדאַנקנגאַנג, און אַז אידן זענען שאַרף קעגן די רייצערישע שריט.

צום איצטיגן פּאָליטישן מצב – ווען די אידישע אישו איז געוואָרן זייער היציג - איז זייער שטאַרק פאַרשפּרייט געוואָרן אַ רוף אַרויסצולאָזן איזראַעל פון די וואַל פּאָליטיק. נטרונא האָט גערופן פּאָליטיקאַנטן נישט אויפצוברענגן מדינת ישראל אין די קומענדיגע וואַל סעזאָן, נאָר זאָלן זיך ענדערש קאָנצענטרירן אויף די געברויכן פון די אַמעריקאַנער מענטשן.

"אידן אין די פאַראייניגטע שטאַטן זענען יו.עס. בירגער און זענען פונקט אַזוי באַזאָרגט מיט פאַרבעסערן די לעבנס פון די אַמעריקאַנער מענטשן אַזוי ווי סיי וועלכע אַנדערע אַמעריקאַנער בירגער."

"מיר זענען אַמעריקאַנער אידן, נישט איזראַעליס. פונקט ווי אַלע וויילער, וועלן אידישע וויילער שטימען פאַר פּאָליטיקאַנטן וועמען'ס פּאַליסיס זיי גלייבן אַז עס איז ריכטיג פאַר אַמעריקע," ווערט ציטירט אַ נטרונא פירשפּרעכער. די שטאַרק געליינטע און גדעקטע סטעיטמענט שטרייכט אונטער אַז אידן זענען באַפוילן מיט ודרשו את שלום העיר, צו זיין געטרייע בירגער און מתפלל

(פאַרזעצונג אויף זייט 9)

# נאבעלער מסיבת "באנקעט" פארגעקומען אין הויז פון ר' ישכר בעריש בראנער הי"ן

(פארזעצונג פון זייט 1)

שלומי אמוני ישראל, זיך אנצושליסן אלס "חבר אני לכל אשר יראוך", מיט א יערליכן אפצאל אלס מעמבער אין "נטרונא". ווי פארשטענדליך באדייט דאס א געוואלדיגער זכות, צו האבן א חלק אין די פעולות פון פארשפרייטן דעם ריינעם דעת תורה בעניני אמונות ודיעות.

### אויפטריט פון הרה"ח ר' אלי' הערשקאוויטש הי"ו, יו"ר המסיבה

#### מיר דארפן זיך קלאמערן צום רבי'ן זי"ע'ס דרכים

אין הכנה צו דער מסיבה האט די הנהלה צוגעגרייט גאר א רייכן פראגראם, פאסיגע דרשות און אויפטריטן, וואס זאלן ארויסהייבן די אויפטועך פון "נטרונא". אזוי אויך איז צוגעגרייט געווארן א פולקאמער "באנקעט", א געשמאקע פארבייסן פון ווארימע מאכלים, גרייט פארן ציבור משתתפים.

צום באשטימטן דאטום, פארגאנגענעם דאנערשטאג פ' תשא–שושן פורים קטן, אין די אוונט שטונדן, האט דער ציבור פון "סאוט–סייד" געגעגנט אנגעהויבן שטראמען, אין ריכטונג פון ר' בעריש בראנער'ס הויז, אויף סאוט אכט סטריט. עס האט זיך אנגעזעהן א שיינער עולם סאטמארער תלמידים וחסידים פון די סביבה, וועלכע זענען געקומען אנטייל נעמען ביי די וויכטיגע מסיבה, כדי מחזק צו זיין די פעולות פון "נטרונא".

נאכן טועם זיין פונעם גרייטן, האט זיך אנגעהויבן דער רייכער פראגראם, ווען הרה"ח ר' אלי' הערשקאוויטש הי"ו, א מגי"ש אין סאטמארער ביהמ"ד אויף סאוט אכט סטריט, האט אויפגעטרעטן אלס יו"ר, און ארייגעפירט דעם פראגראם.

זייענדיג א פה מפיק מרגליות, האט ר' אלי' אראפגעלייגט גאר א רייכע דרשה, וואס האט געהאלטן געשפאנט אלע משתתפים. ר' אלי' האט אין זיינע ווערטער ארויסגעברענגט דעם געוואלדיגן הכרת הטוב, וואס מיר סאטמארער תלמידים וחסידים דארפן שפירן, כלפי מרן רביה"ק מהר"י ט"ב מסאטמאר זי"ע, וועלכער האט אויפגעשטעלט אידישקייט דא אין אמעריקע.

ווי באקאנט, איז אמעריקע געווען א טרפה'נע מדינה, וואו הונדערטער טויזנטער אידן זענען נעבעך פארפאלן געווארן, און אראפגעגליטשט פון אידישן וועג. אין דער אלטער היים האט מען געוואוסט, אז ווען א זון אדער א טאכטער איז געפארן זיך באזעצן קיין אמעריקע, האט זיך דער טאטע געזעצט שבעה, וויסנדיג אז אין אמעריקע קען מען קיין איד נישט זיין רח"ל.

ווען דער רבי זי"ע איז געקומען קיין אמעריקע, און האט געוואלט אנהויבן בויען א תלמוד תורה, כשרות, אד"ג, האבן אמעריקאנער אידן אים געזאגט: רבי, איר האט גוטע כשרונות, לייגט אייך אריין דעם קאפ אין ביזנעס, וועט איר מאכן גוט געלט! לאזט אייך אפ מיט די אלע איבריגע זאכן...

אבער דער רבי זי"ע האט זיך נישט געקימערט מיט זייערע ווערטער, נאר זיך אוועקגעשטעלט מיט מסירות נפש, אויפצושטעלן פונדאסניי אידישקייט מיט אלע פארבן, אט אזוי ווי עס איז געווען אין דער אלטער היים.

עס האט מיר פארציילט א איד - אז ווען דער רבי זי"ע איז געקומען קיין אמעריקע איז ער נאך געווען א בחור, ער איז אהער געקומען מיט א שטיק צייט פריער, צוזאמען מיט זיין טאטן ז"ל - וועלכער האט נאך אויך דא געוואוינט, האט ער געזאגט: "איך האב געזעהן מיט מיינע אייגענע אויגן, ווי דער רבי האט געבויעט א שטיין אויף א שטיין, א שטיין אויף א שטיין! דער רבי האט אויפגעשטעלט די מוסדות, און אזוי אויך דעם ציבור וואס איז דא, אלעס האט ער אהערגעשטעלט..."

און אפילו די אנדערע קהילות, וואס האבן נישט קיין שייכות מיט סאטמאר, האבן אויך צו פארדאנקען זייער הצלחה פארן רבי'ן זי"ע, ווייל דער רבי איז געווען דער וואס האט זיי געוויזן דעם וועג, אז מען קען יא זיין א איד, אפילו מען לעבט אין אמעריקע, און אפילו עס זענען דא די אלע נסיונות, קען מען נאך אלס אויפבויען אידישקייט, און קען מען נאך אלס אויפשטעלן מוסדות התורה, אא"וו.

"נאר א דאנק דעם רבי'ן זעען מיר אויס וויאזוי מיר זעען אויס!" - האט ר' אלי' אויסגערופן מיט פאטאס. דאס גאנצע אידישקייט וואס מיר האבן היינט, די מוסדות התורה, תלמוד תורה'ס און ישיבות, מוסדות צדקה וחסד, שחיטה, כשרות, מקואות, און דאס גאנצע אידישע חסידישע לעבן, איז צו פארדאנקען דעם רבי'ן זי"ע.

ער האט אנגעוויזן אויפן פאקט, אז מיר זעען היינט פילע משפחות, וואס דער זיידע איז צוריקגעקומען נאך די קריג מיט זיינס א ברודער, און דער זיידע האט זוכה געווען אויפצושטעלן ערליכע חסידישע דורות, דאקעגן זיין ברודער נישט. יענער איז פארבליבן א מאדערנער

(פארזעצונג אויף זייט 10)

---




# נטרונא רופט: האַלט 'איזראַעל' אינדרויסן פון אַמעריקאַנער פּאָליטיק

### פרעס רעליס אָפּצושטעלן ציונ'יסטישע העצרייען קעגן הויפט קאַנדידאַט האָט שטאַרקער אָפּקלאַנג

#### אַגיטאַציעס קעגן קאַנדידאַט ברענגן "דאָפּלטע לאָיאַליטעט" באַשולדיגונגען קעגן אידן וואָס הייצט אונטער אַנטיסעמיטיזם

(פארזעצונג פון זייט 8)

זיין פאַרן לאַנד וואו זיי וואוינען, און דאָס איז געווען דער וועג-ווייזער פאַר אידן אין גלות.

די מעלדונג איז ב"ה אויסטערליש צושפּרייט געוואָרן צווישן ריזיגע נייעס קוועלער, וועלכע עס ליינען מאַסן מענטשן - צ.ב.ש., עס איז געדעקט געוואָרן דורך די מערסט פּרעסטיזשפולע נייעס פאָרומס ווי יאַהו, פאָרבס און די פאַקס-ביזנעס נעטוואָרק - וואָס דעמאָנסטרירט אונטער די געוואַלדיגע הצלחה פון נטרונא, אַדאַנק די אויסגערעכנטע אַרבעט און וואָס מ'נוצט די בעסטע מיטלען אַז די סאָרט סטעיטמענטס זאָלן שטאַרק אויפגעכאַפּט ווערן.

די סטעיטמענט האָט געהאַט אַ הילכיגער אָפּקלאַנג קעגן די הפקר'דיגע רייצונגען מיט די העכסטע באַאַמטע, און דאָס שטרייכט ווידער אונטער די וויכטיקייט פון די נטרונא אַקטיוויטעטן, אָפּצושלאַגן די שנאת ישראל וואָס ווערט כסדר געשאַפן פון די ציונ'יסטישע און פרייע אַגיטאַציס. נטרונא באַווייזט ב"ה אַרויסצוגעבן דעם מעסעדזש אַז דער ערליכער אידענטום, און פילע אַלגעמיינע אידן זענען דערקעגן, און די אַזוי גערופענע וואָרטזאָגער פאַרטרעטן נישט דעם אידישן פאָלק.

בזכות די פעולות אָפּצושלאָגן די התגרות באומות און די שנאה אויפן כלל ישראל, זאָל דער אייבירשטער העלפן אַז אין די חדשי הגאולה זאָלן מיר שוין זוכה זיין צו מחיית עמלק, און ס'זאָל שוין ווערן שמו שלם וכסא שלם, בביאת משיח צדקנו בב"א.

# נאבעלער מסיבת "באנקעט" פארגעקומען אין הויז פון ר' ישכר בעריש בראנער הי"ו

(פארזעצונג פון זייט 9)

איד, און זיינע קינדער זענען זייער ווייט פון חסידישקייט.

וואס איז דער חילוק צווישן די צוויי ברידער? פארוואס איז איינער חסידיש און דער אנדערער נישט? - דער ענטפער איז פשוט, דער זיידע האט זיך געהאלטן נאנט צום רבי'ן זי"ע, ממילא האט ער זוכה געווען צו א דור פון יראים ושלימים, דאקעגן זיין ברודער נישט, ממילא זענען זיינע דורות פארבליבן דערווייטערט.

וואס פאדערט דאס אלעס פון אונז? - אז מיר זאלן זיך קלאמערן צו די דרכים וואס דער רבי האט אונז געלערנט, ווייל נאר אזוי וועלן מיר זיך קענען דערהאלטן אינעם שווערן גלות, און נאר אזוי וועלן מיר קענען פארזעצן דעם גאלדענעם קייט פון ערליכע אידישע דורות.

ר' אלי' האט אנגעוויזן מיט ביטערניש, אז עס האט זיך היינט געשאפן אן ערשיינונג אז סאטמארער יונגעלייט פארן אויף וואקאציע קיין ארץ ישראל, אדער אפילו גלאט אזוי פאר טוריזם, הויבט מען זיך אויף און אן קיין ציפ אין הארצן פארט מען קיין ארץ ישראל.

איך וואלט געוואלט פרעגן אזא יונגערמאן: "זאג מיר דו ביזט א סאטמארער חסיד? יא! איז פארוואס פארסטו קיין ארץ ישראל? דו ווייסט דאך אז דער רבי זי"ע האט פון דעם נישט געהאלטן?"

דאן האט ר' אלי' אנגעוויזן אויפן ברען וואס אונזערע עלטערן און זיידעס לאורך ימים ושנים, שפירן כלפי א תורה פון רבי'ן, כלפי דעם רבי'נס א ווארט, און כלפי יעדע זאך וואס האט א שייכות מיטן רבי'ן זי"ע.

"מיין טאטע ז"ל הכ"מ האט יעדן שבת געלערנט ויואל משה! און איך בין זיכער אז יעדער איינער וואס זיצט דא, ווייסט אויך פונעם מורא'דיגער געפיל וואס אונזערע עלטערן, א דור פאר אונז, וואס האבן נאך געלעבט מיטן רבי'ן, האבן געהאט פארן רבי'ן זי"ע! און אט דאס איז אונז מחייבו!" - האט ר' אלי' געזאגט מיט פייער.

### וויאזוי איז "נטורנא" געגרינדעט געווארן?

דאן האט ר' אלי' געווענדעט זיינע רייד, לגבי דעם הייליגן מוסד "נטורנא", וואס דער באנקעט איז דערפאר באשטימט. ר' אלי' האט ארויסגעברענגט אז דעם רבי'נס רצון איז געווען, מען זאל מפרסם זיין פאר דער וועלט, אז די ציונים און זייערע פירער רעדן נישט אין נאמען פון כלל ישראל.

ער האט אנגעוויזן אויף דעם פאקט, אז ביי די דעמאנסטראציע'ס זענען צוגעקומען גוים אנפרעגן איבער דעם ציל פון די דעמנסטראציע, "ווער זענט איר? וועמען פארטרעט איר? האט איר א וועב זייטל, וואו מען קען זיך דערוויסן מער אינפארמאציע איבער אייער שטעלונג?"

"א טעלעפאן נומער ווי צו באקומען ענטפערס אויף פראגעס?" עס האט ביי זיי ארויסגעברענגט א צינישן שמייכל ווען דער ענטפער איז געווען בלא.., די ערלים קוקן דאס אן ווי פון די לבנה אראפגעפאלן, וואס איז דאס בכלל אן ארגאניזאציע וואס האט ניטאמאל די מינימאלע צוגעהערן, דאס האט געלאזט א שטארק נעגאטיוון רושם, דערפאר איז דעמאלס לפי בקשת גדולי הדור שליט"א, זיך פארמירט א גרופע פון חשובע עסקנים און אנגעהויבן צילן צו שאפן א פלאטפארמע, א אפאראט וואס זאל זיך אפגעבן מיט די ענינים.

"און אט דאס איז געווען דאס ערשטע קערנדל פון די היינטיגע בארימטע ארגאניזאציע "נטורנא".

דורכאויס די צייט האבן אויף די שפאלטן פונעם וועב זייטל אנגעהויבן אריינקומען אינטערעסאנטע שאלות און קשיות, פון נייגעריגע אבער פארשטענדליכע אנפרעגער, וועלכע האבן געוואלט גרונטליכער פארשטיין דעם איסור פון ציונות. האבן די עסקנים זיך ארומגעזעהן אז עס פאדערט זיך וויכטיג אויפצונעמען א פאסיגן פערזאן, וואס זאל זיך באפאסן מיט די קשיות, און זיי גוט אפענטפערן. און "נטורנא" האט טאקע אויפגענומען א פאסיגן תלמיד חכם, וואס הערט אויס די שאלות און ענטפערט זיי אפ.

מיט די צייט זענען געוואקסן די צאל אריינרופער אינעם וועב זייטל, בפרט אין די לעצטע צייטן ווען די גאנצע ציוניסטישע אידעאלאגיע האט געכאפט א שטארקן קלאפ, און פילע האבן זיך אנגעהויבן אויפצואוועקן פונעם טיפן שלאף - זעענדיג אז אידן קענען זיך נישט ערווערבן אן אייגן רואיג לאנד מיטן פויסט, מיטן כחי ועוצם ידי, נאר דורך ביאת משיח צדקנו - האבן גייסטיג דורשטיגע אידן אנגעהויבן צו פארשן, כדי זיך צו דערוויסן וואס איז געווען דער מיינונג פונעם סאטמארער רבי'ן זי"ע? פארוואס האט ער געפירט אזא פשרה'לאזן קאמף קעגן ציונות?

אט אזוי האט זיך געהויבן דער צאל באזוכער אינעם וועב זייטל, צו הונדערטער טויזנטער מענטשן, וואס ווילן דערגרייכן צו די אינפארמאציע דורך "נטורנא", און די אלע אנפרעגער ווערן כסדר אפגעענטפערט יעדער מיט זיינע קשיות, און ב"ה כסדר באקומט מען בריוו פון אידן "הודה ולא בוש" כ'האב געלעבט אין א טעות ביז יעצט, און א דאנק אייך איז מיין מהלך המחשבה געטוישט, וזה חלקינו מכל עמלינו.

ר' אלי' האט אויך אנגעוויזן אויף די "פרשה פערלס" וואס ערשיינט יעדע וואך דורך "נטורנא", וואס אנטהאלט חידושי תורה אויף די וואכעדיגע סדרה, געשריבן אויף די ענגלישע שפראך, וועלכע בארירן דעם נושא פון גלות וגאולה. דער וועכנטליכער בלעטל ווערט ארויסגעשיקט אויף דער וועלט דורך "אי-מעיל", אויף טויזנטער "אי-מעיל" אדרעסן, און עקזעמפלארן דערפון ווערן אויך פארשפרייט אויף די טישן פון שוהלן אין ניו יארק.

דאן האט ר' אלי' דערמאנט, אז אין יאר תשי"ז האט "דער איד" - וואס איז שוין דאן געווען אונטערן רבי'נס איינפלוס - געהאט א

(פארזעצונג אויף זייט 11)



# נאבעלער מסיבת "באנקעט" פארגעקומען אין הויז פון ר' ישכר בעריש בראנער הי"ו

(פארזעצונג פון זייט 10)

באזונדערער אפטיילונג אויף ענגליש, געווידמעט פאר די אמעריקאנער אידן, וואס קענען נישט קיין אידיש, אז זיי זאלן אויך וויסן די הארבקייט פון נעמען א גאולה פאר די צייט.

דערנאך האט ר' אלי' דערמאנט דעם ספר "אפס בלתך גואלינו", אויף עניני גלות וגאולה, וואס איז ערשינען דורך "נטרונא", און איז געווארן צושפרייט אויף דער גאנצער וועלט, וואס האט געעפנט די אויגן פאר אסאך אומוויסנדע, איבער דעם אמת'ן דעת תורה, אז מען טאר נישט טון קיין שום פעולה פון דחיקת הקץ.

דער ספר איז שטארק צוכאפט געווארן, אזוי אז עס איז נישטא מער צו באקומען, און די עסקנים פון ארץ ישראל בעטן זיך, אז מען זאל עס וואס שנעלער איבערדרוקן, כדי צו באפרידיגן דעם דורשט פון די צמאים לדבר ד'.

### וואס איז אונזער פליכט אין מלחמה קעגן ציונות?

דאן האט ר' אלי' באטאנט, אז עס זענען דא אסאך אידן וואס ווילן וויסן דעם אמת, זיי ווילן זיך ווארימען ביי די שטראלן פון די ריינע אמונה, אבער נישט יעדער קען זיי עס דערלאנגען. "נטרונא" האט די כוחות און פארשטאנד וויאזוי זיי מסביר צו זיין. נאר וואס זיי דארפן פון אונז איז, אז מיר זאלן אויסשטרעקן א האנט פון שטיצע, און זיי ערמעגליכן ממשיך זיין די הייליגע ארבייט.

ר' אלי' האט דערמאנט, אז מיר שטייען איצט אין די וואך פון פ' תשא, די פרשה פון מחצית השקל, וואס די ספרים הק' ברענגען דעם טעם פארוואס דארף מען געבן א מחצית השקל, און נישט קיין גאנצער שקל, צו ווייזן אז טאמער א איד קען נישט טון דאס גאנצע, זאל ער כאטש טון האלב, דאס איבעריגע וועט מען שוין פון הימל משלים זיין.

דערמיט האט ער אנגעוויזן, אז דאס זיך האלטן צום דרך פון רבי'ן זי"ע, איז פאר די אידן אין ארץ ישראל גאר א שווערער נסיון, זיי דארפן זיין גרייט מיט מסירות נפש, נישט נהנה זיין פון שטיצע פאר מוסדות התורה, און מלחמה האלטן קעגן די גזירות הדת אא"וו, וואס באדייט א כסדר'דיגער קאמף קעגן אומגעהויערע נסיונות.

מיר אידן אין אמעריקע, האבן ב"ה נישט די אלע נסיונות, איז מיט וואס קענען מיר אבער פארט ארויסווייזן, אז מיר שטייען צו צום רבי'נס דרך? - מיטן טון דאס וואס מיר קענען יא, מיטן שטיצן דאס פארשפרייטן דעם ריינעם דעת תורה, און מיט העלפן אז די פעולות פון "נטרונא" זאלן ווייטער קענען אנגיין, אט דאס איז אונזער טייל פונעם מחצית השקל.

ר' אלי' האט דערמאנט אז די הנהלה פון "נטרונא" פלאנירט איצט צו איבערדרוקן דעם ספר "אפס בלתך גואלינו" אין ארץ ישראל, און אויך איבערזעצן  דעם ספר אויף ענגליש, די מבינים זאגן אז דאס וועט זיין א געוואלדיגע דורכבראך אינעם היינטיגע מצב, וואס אלע ענגליש רעדנדיגע אידן ווערן געשפייזט פון ענגלישע לייען מאטריאל וואס עס איז פון פיל מיט דברי הסתה והדחה, פארשטייט זיך אז דאס איז גאר קאסטבארע אונטערנעמונג, בעט מען די נדיבים בעם, זאלן זיך אנרופן ווארים, און ארויסהעלפן מיט א ברייט האנט.

### הרה"ג רבי חיים קלמן גוטמאן שליט"א, מו"צ קיט"ל דסאטמאר - סאוט 8

### אונזער חיוב פון ערבות כלפי אומוויסנדע אידן

מיטן פארענדיגן זיינע ווערטער האט ר' אלי' מכבד געווען הרה"ג רבי חיים קלמן גוטמאן שליט"א, מו"צ קהל יטב לב דסאטמאר סאוט אכט, אז ער זאל אויפטרעטן מיט זיין דרשה.

ר' אלי' האט אנגעוויזן אז דער דיין שליט"א איז כסדר מעורר דעם סאטמארן ציבור אין ביהמ"ד, אז מיר זאלן זיך האלטן צום דרך פון רבי'ן זי"ע, מיט די ריינע אמונה אין ביאת המשיח, דעריבער איז פאסיג ביז גאר, אז דער דיין שליט"א זאל אויפטרעטן ביי אזא מסיבה, וואס איז געווידמעט לטובת דאס פארשפרייטן די ריינע אמונה.

אין זיינע ווערטער האט דער דיין שליט"א שטארק ארומגערעדט איבער דעם ענין פון רעדן פון אמונה, אזוי ווי עס שטייט אבדה האמונה ונכרתה מפיהם, טייטשן די ספרים הק' פארוואס איז געווען אבדה האמונה, ווייל עס איז געווען ונכרתה מפיהם, מען האט נישט גערעדט דערפון. פון אמונה דארף מען אסאך רעדן, און דאס זעלבע אויך פון רבי'נס דעת תורה, וואס איז נוגע די אמונה אין ביאת המשיח, דארף מען אויך כסדר רעדן, און זיך קאכן דערין.

בתוך הדברים האט דער דיין שליט"א דערמאנט, אז עס זענען דא צענדליגער טויזנטער אידן, מאמינים בד' ובתורתו הק', וואס האבן נישט געהאט די זכי' זיך צו געפינען בסביבתו פון רבי'ן זי"ע, און זענען נישט יורד לעומק הדברים פונעם ספר הק' ויואל משה, אבער פונדעסטוועגן זענען זיי גרייט צו הערן דעם דבר ד', בפרט היינט בימינו אלה, ווען די ציונים זענען נישט אזוי מצליח.

אזא צייט ליגט א חיוב פון ערבות, אריינצוברענגען די ריינע אמונה אין די אידן, און

(פארזעצונג אויף זייט 12)





# נאבעלער מסיבת "באנקעט" פארגעקומען אין הויז פון ר' ישכר בעריש בראנער הי"ו

(פארזעצונג פון זייט 11)

פארשפרייטן צווישן זיי דעם דעת תורה פון אלע פריערדיגע צדיקים, אז מען טאר נישט עובר זיין אויף די שלש שבועות, און מען טאר נישט נעמען א גאולה פאר די צייט.

און גלייכצייטיג, מיטן פארשפרייטן דעם ריינעם דעת תורה, טוט מען אויך אפקילן דעם גרויסן התגרות באומות, וואס הערשט אין די גאנצע וועלט, מסוף העולם ועד סופו - ווייל דורך דעם וואס ערליכע אידן רופן אויס אז זיי האבן מיט דעם נישט קיין שייכות, זעען די אומות העולם אז די ציונים פארטרעטן נישט כלל ישראל, און זייער פירונג איז נישט אין איינקלאנג מיט די תורה'דיגע שטעלונג, נאר די ציונים טוען עס אויפן אייגענעם האנט, אלס עוברי עבירה וואס היטן נישט די תורה.

דער דיין שליט"א האט ווייטער ארומגערעדט שטארקע דברי חיזוק בנוגע די מלחמה קעגן ציונות, וואס האט ערמוטיגט דעם גאנצן פארזאמלטן ציבור (זעה פולע טעקסט פון דער דרשה אויף אן אנדערן ארט אין היינטיגן נומער).

## הרה"ח ר' הילל האנדלער הי"ו

### די ציוניסטישע פראפאגאנדע מאשין פרובירט אריינדרינגען

דאן האט ר' אלי' אויפגערופן א חשוב'ן גאסט, הרה"ח ר' הילל האנדלער הי"ו פון בארא פארק. ר' אלי' האט אים פארגעשטעלט פארן ציבור, אז ר' הילל איז דער וועלכער האט זוכה געווען מיט יארן צוריק אויפצוטרעטן ביי שטורמישע פראטעסטן קעגן די ציונים, מיט טרעפליכע רעדעס אויף די ענגלישע שפראך, און דערמיט אויפקלערן פאר דער וועלט די תורה טרייע שטעלונג.

דערפאר איז פאסיג ביז גאר אים דא מכבד צו זיין מיט א דרשה, ער זאל ארומרעדן איבער די וויכטיגקייט פון די ארגאניזאציע "נטרונא" - וועלכע איז ממשיך כהיום הזה מיט די זעלבע מיסיע, אויפצוקלערן דעם אמת פאר דער וועלט.

דאן האט ר' הילל אראפגעשטעלט גאר אן אינטערסאנטע דרשה, וואס האט באריכערט דעם ציבור מיט פילע ידיעות ארום דעם נסיון פון ציונות. ר' הילל האט ערקלערט פארן ציבור ווי ווייט עס גייט די ציוניסטישע פראפאגאנדע, וואס פארשפרייט זיך איבעראל, און קריכט אריין אפילו אין היימישן לאגער - אזוי אז מענטשן טראגן זיך ארום מיט מיינונגען בנוגע שלו' אין מיטל מזרח, וואס זייער מקור שטאמט פון ציוניסטישע דיעה זאגער, און זענען אויסדרוקליך ריין ציונות.

ער האט אנגעוויזן אז די חכמה פון "פובליק רילעישאנס" איז, אז אויב דו ווילסט פארקויפן א חפץ, זאלסטו נישט זאגן פארן קאסטומער ווי גוט און פראקטיש עס איז, ווייל אפשר האט ער שוין דעם זעלבן חפץ, און ער דארף נישט נאך איינס - נאר זאלסט פרובירן ערוועקן זיין חשק, דורך אים איינרעדן אז עס איז שיין און אינטערסאנט, וכדומה, אזוי ווייט אז אפילו ער האט שוין איינס זאל עס אים אזוי גלוסטן, אז ער זאל וועלן קויפן נאך איינס.

דאס זעלבע טוען די ציונים מיט ציונות, זיי קומען נישט פארקויפן ציונות דירעקט, נאר אויף אומדירעקטע אופנים. מיט אזעלכע חכמה'לעך און טריק'ס, קאנטראלירן זיי די ידיעות און נייגונגען פון מענטשן, מיטן ציל אז יעדער זאל זינגען דעם זעלבן ניגון, וואס די ציוניסטישע אידעאלאגן שטעלן פאר.

די ציוניסטן פרובירן באאיינפלוסן די מאסן, אז אידן זענען היינט אויסגעשטעלט צו א סכנה מצד די כעזבאלא, פאלעסטינע, איסלאמיק דזשיהאד אא"וו, וואס דאס אלעס דרייט זיך ארום ציונות. - דאקעגן מיר ווייסן גאנץ אנדערש, מיר געדענקען וואס דער רבי זי"ע האט אונז געלערנט, אז די מדינה איז אונזער גרעסטער אומגליק רח"ל.

און מען זעהט עס היינט בחוש. ווי עס שיינט דער פאקט, אז אלעמאל ווען די ציונים מאכן אן עפעס א בייז שטיקל פאר די פאלעסטינער, עפעס א מיליטערישע אקציע אין עזה, ווערן די אראבער איבער דער וועלט צעווילדעוועט, און שעדיגן אידן אין זייער שכינות. אין פראנקרייך האט מען געשלאגן און גע'הרג'ט אידן, אין אנטווערפן האט מען נישט לאנג צוריק גע'הרג'ט א היימישן איד, אין ענגלאנד איז עס אויך ליידער מעשים בכל יום.

אפילו דא אין ניו יארק, האבן אראבישע טעראריסטן אויך פלאנירט צו מאכן אן אקציע אויף בתי מדרשים אין בארא פארק, נאר מען האט עס בחסדי השי"ת געכאפט אין צייט. - אזוי ארום אז מיר אלע געפינען זיך אין א גרויסע סכנה, נישט צוליב די אראבער, נאר צוליב די ציונים וואס רייצן זיך מיט די אראבער.

דער נביא זאגט (ישעי' י) הוי אשור שבט אפי, אשור איז מיין שטעקן - האט ר' הילל פארגעזעצט - ווען א שטעקן שלאגט א הונט, גייט דער הונט און בייסט דעם שטעקן... דאס זעלבע די אראבער פירן דורך א טעראר אקציע, ווערט מען ברוגז אויף די אראבער, אויפן שטעקן פון השי"ת - וואס ביסטו ברוגז אויפן שטעקן? דער שטעקן האט דאך א בעל הבית...

### דער באדן איז רייף אויפצוקלערן דעם אמת

ר' הילל האט אנגעוויזן, אז די פרייע חברה זענען שוין היינט ווייניגער פאראינטערסירט אין ציונות, ווייל זיי איז גוט צו לעבן זייער הפקר'דיג לעבן סיי וואו ערגעץ אין דער וועלט, און עס מוז נישט זיין דוקא אין מדינת ישראל. ער האט אנגעוויזן אויף א בארימטער פרייער חבר הכנסת, וועלכער האט זיך באזעצט אין פאריז, און ווייל נישט צוריקגיין קיין מדינת ישראל, ווייל עס איז גוט דארט וואו ער איז.

די איינציגע וואס זענען נאך היינט ריכטיגע ציונים, זענען די מזרחי'ניקעס, וואס רופן זיך "דתי לאומי". - אבער צווישן זיי זעלבסט זעהט זיך שוין אויך אן ענדערונג, ווייל די פרומערע צווישן זיי וועקן זיך אויף, און הויבן אן אנערקענען אז ציונות איז אן עסק ביש.

די דאזיגע אויפוואכונג איז געקומען אין ליכט פון די עוואקואציע פון גוש קטיף, ווען אכט טויזנט נפשות זענען פארטריבן געווארן פון זייערע הייזער, זייערע פרנסות, ווייל די ציונים האבן געמוזט צוריקגעבן יענעם געביט, און די דארטיגע איינוואוינער האבן געמוזט נעמען דעם וואנדער שטעקן, און גיין נע ונד, אן קיין געהעריגן דאך איבערן קאפ.

דעמאלט האבן די "דתי לאומי" חברה זיך אויפגעוועקט, און זיך זעלבסט געפרעגט א ווייטאגליכע פראגע: "אין אן אייגן לאנד ווארפט מען מיך ארויס אויפן גאס?"

די דאזיגע געפיל פון אנטוישונג האט זיי אויפגעוועקט דעם מח, אז זיי האבן אנגעהויבן טראכטן אנדערש: אפשר איז אונזער וועג נישט ריכטיג? אפשר זענען די ערליכע אידן פארט גערעכט, אז ציונות איז קעגן די תורה?

עס איז אזוי ווייט געגאנגען, אז עס האט זיך אויפגעשטעלט א געוויסער מזרחי'ניק, א ראש ישיבה פון גוש קטיף, וועלכער האט געזאגט פאר זיינע תלמידים קליפ און קלאר: נישטא מער קיין יום העצמאות! נישטא מער קיין הלל! אונזער פלאץ איז מיט די חרדים! מיר האבן געמאכט א גרויסן טעות! חטאתי עויתי פשעתי! מיר האבן נישט פארשטאנען וואס דא גייט פאר! יעצט זעען מיר שוין זייער ריכטיגן פרצוף! אונזער פלאץ איז מער נישט מיט די ציונים, נאר מיט די ערליכע אידן!

און דער מזרחי'ניק ראש ישיבה איז דעמאלט געגאנגען צו איינעם פון די גדולי הרבנים שליט"א אין ארץ ישראל, און אים געזאגט אז ער וויל זיך אויסטון דעם געשטריקטן מזרחי קאפעלע, נאר "איך וויל זיך אנטון א לאנגע קאפאטע! איך וויל זיין א חרדי!"

האט אים דער רב געזאגט: "חס ושלו', דו גיי אזוי ווי דו ביזט, מיטן געשטריקטן קאפעלע און מיטן ווייסן העמד, כדי דיינע חברים זאלן וועלן מקבל זיין פון דיר!"

איז ער געגאנגען און געמאכט א נייע ישיבה, א נייע מיידל שולע, וואו מען לערנט מער נישט קיין מזרחי'סטישע ציונות, נאר אדרבה, אז מען טאר נישט נעמען א גאולה פאר די צייט. און ער זעלבסט האלט אויך אין איין דרש'ענען פאר זיינע חברים אין "דתי לאומי" קרייז: "מיר

(פארזעצונג אויף זייט 13)

# מכתבים למערכת



בעזהשי"ת

ב' לס' וירא תשס"ח

לכבוד הרה"ג זוכה ומזכה את אחיו עמו

כש"ת ....נ"י

אחדשה"ט באה"ר, הנני בזה אודות ספרו החשוב שהו"ל אפס בלתך גואלנו, שהוא זיכוי הרבים, ודבר חשוב, שזהו דבר השוה לכל נפש ויכול בניקל למצוא דברי חפץ ומפתח כללי לכל עניני גלות וגאולה כפי"מ שלימד אותנו מרן רבינו זי"ע.

בדף קפ"ד מביא מדרשות לחם שלמה יש להוסיף נקודה חשובה מש"כ הגאון הקדוש הנ"ל בהגדה של פסח שלו הנקרא מצת שלמה דף מה **דכל הגלות הוא בשביל שעברו ישראל במחשבה אף שרק בני אפרים עברו בפועל מ"מ כולם במחשבה וע"ז נמצאים אנו בגלות,** וזהו ממש כמוש"כ רבינו בהקדמה בויואל משה דכל סיבת הצרות שסבלנו במשך גזירת רעות מהדייטשען ימ"ש הוא בשביל שבמחשבה עלו על לבם לדחות את הקץ.

בדף ר"ז במאמר שלש שבועות בהלכה יש לציין למש"כ בשו"ת חתם סופר חושן משפט סוף סימן קצ"ז וז"ל התנצל הרמב"ם כי יען סוד העיבור שנמסר לסנהדרין נעלם ממנו לגמרי כי הוא א' מג' שבועות שנשבעינו שלא לגלות סוד העיבור כמבואר שלהי מס' כתובות עד יבוא מהרה צדק במהרה עכ"ל החתם סופר ומבואר מדבריו דבר נפלא דהואיל ומושבעין אנו שלא לגלות סוד העיבור וכו' ועוד רואין אנו מדבריו "דעד יבוא מהרה צדק במהרה בימינו" **משטחיות לשונו מבואר דלא כאלו שרוצין לומר דשבועה זה אינו אלא לאלף שנים** ועיין מש"כ מרן זי"ע בויואל משה סי' ע' ואילך עיי"ש, שכתב החת"ס דאנו מושבעין עד יבוא מהרה צדק במהרה בימינו.

בדף קצ"ח הבאתם מדברי החתם סופר הנה דברי החת"ס אלו מובאין גם בשו"ת דברי יואל אבהע"ז סי' קי"ח אות ו' דף ת"מ ואחר שמעתיק דבריו כתב מרן זי"ע כתב שם מרן דברים נוראים ונלאיתי להעתיקו ותעיין בפנים.

ומענין לענין באותו ענין בשו"ת דברי יואל הנ"ל להלן שם באות ז' מביא ראי' מפרקי דרבי אליעזר המובא בתוס' סוטה דף יג שכתב **שזהו ראי' ברורה דאף ברשות האומות אסור לצאת מן הגלות קודם הזמן** עי"ש בפנים, ונלאיתי להעתיקו. וקצת פלא שדברי פרקי דרבי אליעזר הנ"ל מביא רבינו זי"ע בויואל משה סי' מ"ח כתב בשינוי קצת מה שנלמד מדברי הפרקי דר"א הנ"ל ואינו מביא בויואל משה ראי' מהפדר"א ראי' לדברי האהבת יונתן.

ועוד יש ענין פלא שבכל הספר ויואל משה אינו מביא דברי החת"ס הנ"ל שמביא בתשובה ויל"ע היטב בזה.

בדף תל"ג מעתיק מהג' ר' מיכאל פארשלעגער וכבר הדפסתיו בקובץ שעשועי אורייתא הנה יש תשו' אליו בשו"ת דברי יואל וגם נדפס ספר ממנו מימיני מיכאל ויש מלא כתבים מהנ"ל, וכותב על מרן רבינו זי"ע קדוש בכל מיני קדושות, והעתק מס' המאור נתן לי ר' דוד רז"ב ואולי טוב להתקשר עמו, וכעת ראיתי בספר תפארת יואל ח"ג העתק ואולי טוב להתקשר עם המטפלים בזה.

ובזה אסיים אף שעדיין הרבה הערות נשאר בקולמס אבל כמובן לא רציתי עוד לעכב המכתב בקשר להשיחה שהי' בינינו עש"ק פר' לך ובזכות כל הפעולות וכו' שאתם עושים נזכה לגאולה שלמה בקרוב ממש.

ידידו דושת"ה וכל ענינך

הק' ח. מ. י. מ.

---

# נאבעלער מסיבת "באנקעט" פארגעקומען אין הויז פון ר' ישכר בעריש בראנער הי"ו

(פארזעצונג פון זייט 12)

האבן געמאכט א גרויסן טעות, און מען דארף זיך צוריקקערן צום אויבערשטן!"

דאס זעלבע האט ביי זיי געשאפן אן איבערקערעניש, דער דורכפאל מיט די לבנון מלחמה, מיט אנדערהאלבן יאר צוריק, ווען די מדינת ישראל מיליטער מיט אלע אירע טאנקען זענען דורכגעפאלן, קעגן א קליינע גרופע פון עטליכע טעראריסטן. עס איז אויפגעשטעלט געווארן א קאמיסיע, וואס האט פרובירט געפינען דעם אורזאך, פארוואס זיי האבן געליטן אזא ביטערע מפלה, און מען האט גע'חקר'ט א סיבה אהער א סיבה אהין, די אונטערשטע שורה איז, אז זיי זענען ביטער דורכגעפאלן.

דאס איז געווען א שטארקע לעקציע פאר די פרומע ציונים, אז מען קען נישט זיך פארלאזן אויף כחי ועוצם ידי, עס איז נישטא קיין אויסזיכטן, אין לנו על מי להשען, אלא על אבינו שבשמים, נאר דער באשעפער קען אונז העלפן.

דאס אלעס ווייזט, אז כהיום הזה איז דער באדן רייף, אז די פרומע צווישן זיי זאלן זיך ערוועקן, און זיך דערנענטערן צום אמת. אזא צייט איז פאסיג ביז גאר די פעולות פון "נטרונא", וועלכע קלערט אויף אידן איבער דער גארער וועלט, אז דער גאנצער רעיון הציונות איז קעגן די הייליגע תורה, און ווילאנג אידן זענען פארטריבן אין גלות, טארן מיר זיך נישט אליין אויסלייזן, נאר מיר דארפן ווארטן אז משיח צדקנו זאל קומען און ברענגען די גאולה שלימה.

דערפאר איז וויכטיג צו שטיצן די אקטיוויטעטן פון "נטרונא", און איר ארויסהעלפן מיט א ברייטע האנט, כדי זי זאל קענען מוסיף זיין פעולות לטובה, און גרייכן צו מער מענטשן, און צו ווייטערע אדרעסן, אז אלע אידן וואס זענען שומרי תורה ומצוות, זאלן זיך קענען דערנענטערן צום אמת.

ר' הילל האט פארענדיגט זיינע ווערטער מיט א ווארימען וואונטש, אז מיר זאלן שוין בקרוב זוכה זיין אויסגעלייזט צו ווערן פונעם ביטערן גלות, בביאת משיח צדקנו בב"א.

מיט דעם האט זיך געשלאסן דער גייסטרייכער מסיבת באנקעט, וואס האט פיל באררייכערט די משתתפים, מיט וויכטיגע ידיעות איבער גלות און גאולה, און איבער דעם נסיון פון רעיון הציונות. און אין דער זעלבער צייט האט דער באנקעט אויך געברענגט א שיינע הכנסה, פאר דער הייליגער ארגאניזאציע "נטרונא".

אין ישראל נגאלין אלא בזכות "נטרונא".




# הוספות והערות

על ספר

# אפס בלתך גואלינו



## הרב יצחק מרדכי מייזלעס

ר"מ בישיבת קראסנא

### כשהאומות משתעבדין בישראל יותר מדאי, הקב"ה יעורר אהבתו שלא בזמנה, ע"י שמחזירין למוטב, ומיד נגאלין

וז"ל תלמידי הרשב"א ז"ל, השבעתי אתכם בנות ירושלים אם תמצאו את דודי וגו', ההוא כנסת ישראל דקאמרי לאומות העולם אחר שהשביע הקב"ה את אומות העולם שלא ישתעבדו כו' וקרי להו בנות ירושלים על שם שהם עכשו בירושלים, **וה"ק לא תשתעבדו בהם יותר מדאי כדי שתגרמו לי לעורר לי אהבתם שלא בזמנה** שהקב"ה אינו יכול לראות צרה גדולה לישראל שלא יושיעם, כדאמרינן בעלמא כשיגיע זמנם ליגאל הקב"ה מעמיד עליהם מלך שגזרותיו כהמן **ומחזירן למוטב ומיד הם נגאלין** ע"כ. ואם תעוררו משמע שלא יעוררו את עצמן לילך לירושלים ושלא יגלו את סוד העבור לאומות העולם, כגון הא דאמרינן בברייתא דשמואל נולד קודם חצות או אחר חצות דהיינו סוד העיבור ודכוותיה. אני מתיר כלומר אתם נמסרין ביד אומות העולם שיצודו אתכם. בצבאות או באילות השדה שצדין אותם ואוכלין אותן. צבאות לשון צבי, ואילות לשון חיה. (שיטה מקובצת כתובות דף ק"י ע"ב).

## הרב משה שלמה זלמן קליין

ר"מ בישיבת קרן התורה

### ארץ ישראל בלי התורה הוא כנחלת שאר הארצות

במדרש ג' מתנות זכה באחת מהן זכה בכל חכמה גבורה עושר בזמן שהן מתנת שמים ובאין בכח התורה כו' דכ' לקח טוב נתתי. שבנ"י צריכין ליקח הכל בכח התורה כי התורה נקראת ראשית שהיא שורש כל הבריאה. ובנ"י נקראו ראשית שכל הדברים צריכין לקבל בדביקות שורש הראשית עפ"י התורה ואז מתקיים בידן. דכ' טוב אחרית דבר מראשיתו. פי' כשהוא בכח התורה שהיא ראשית ושורש הכל. ובודאי חלק עבר הירדן הי' מיוחד לבני גד ובני ראובן. והי' להם כל המתנות. איזהו חכם המכיר את מקומו והם הכירו מקום שלהם. ועושר וגבורה מפורש בתורה שהי' להם ומ"מ מדחזינן שלא הוטב הדבר בעיני משה רבינו ע"ה שהוא שר התורה, בודאי שלא הי' עדיין שלהם בכח התורה. רק משה רבינו ע"ה תיקן הדברים ע"י התנאי שהתנה עמהם. וכל נחלת ארץ ישראל שנתן לנו הקב"ה הי' בכח התורה כמו שהי' הסדר קבלת התורה מקודם ואח"כ הכניסה לארץ ישראל. וגם מה שנתגרשנו מנחלת אבותינו הי' ע"י ביטול תורה כדכתיב על עזבם את תורתי ולא הלכו בה דרשו חז"ל שלא ברכו בתורה תחילה והגם כי פשטן של דברים על ברכת התורה אבל הרמז שצריכין להנהיג הכל עפ"י התורה כנ"ל. וכן פי' בזוה"ק ואתחנן ודברת בם בשבתך כו' ובלכתך כו'. שצריכין להנהיג כל הדברים עפ"י התורה ודברת לשון הנהגה ע"ש. וזהו עצמו פי' ולא הלכו בה שלא הנהיגו כל הדברים בכח התורה כמ"ש לקח טוב כו' תורתי אל תעזובו. פי' בכל דבר לא יהי' נעשה בלי הקדמת התורה. וז"ש עזבם את תורתי ולא הלכו שלא ברכו בתורה תחלה **שלא קשרו המתנה של א"י בכח התורה ונעשה להם כנחלת כל הארצות לכן לא נתקיים בידינו.** ומעתה יש לנו ללמוד קו"ח **שאם נתחזק בתורת השי"ת יחזירנו הקב"ה לארצנו.** כי מדה טובה מרובה. וכמו שע"י עזיבת התורה אבדה הארץ כן ע"י היגיעה בתורה יחזירנו הקב"ה במהרה בימינו לארצנו וכן יהי רצון: (שפ"א פ' מטות תרמ"ט).

### מברכין על ארץ חמדה שהנחלת לאבותינו, אפילו שנתגרשנו מנחלת אבותינו, שאנו דביקין בשורש א"י

במדרש כי אתם באים. כנען פרקמטיא שבה סחורה כו' תפול לכם לכם היא ראוי' ע"ש. והענין הוא כי ארץ ישראל אשר הבטיח הקב"ה וב"ש לאבותינו לתת לנו יש בה מטמונים גנוזים. וע"ז כתיב מה רב טובך אשר צפנת ליריאך. ודרך הסוחרים להראות הפסולת תחלה. **ובנ"י בבואם לארץ כפי רוב זכיותיהם כך עלה להם נמי קדושה פנימיות כמ"ש אם תבקשנה ככסף וכמטמונים. וכאשר הי' הארץ ביד הרשעים לא ראו כלום ולא הי' להם רק מלבוש החיצון. אבל לבנ"י ניתן שורש הארץ** וז"ש אשר תפול לכם בנחלה. הוא עם הנחל ומעין ושורש הארץ לכן היא כנחלה שאין לה הפסק מאחר שניתן לבנ"י עם השורש. ולשון תפול הוא ג"כ דבר שאין לה הפסק **כי שורש ארץ ישראל הוא גבוה מעל גבוה וכפי עבודת בנ"י בנפשותם כן מתגלה להם קדושת ארץ ישראל יותר ויותר** וכדמצינו בגמרא ארץ צבי כשבנ"י עלי' פשטא לה כו'. וכאשר הי' שינוי בין אנשי בית ראשון לבית שני. וכן הוא לעולם. לכן כתיב אשר תפול תמיד בכל עת שזוכין שירד הארה מן השורש כנ"ל. [וז"ש וברוח עמו כו' לתת כו' לתת ב' פעמים כי נותן וחוזר ונותן כנ"ל]. **ואפילו אנחנו שנתגרשנו מנחלת אבותינו מ"מ כיון שניתן לנו א"י עם השורש נשאר לעולם דביקות בנ"י בשורש א"י וביהמ"ק לכן מברכין על ארץ חמדה שהנחלת לאבותינו** שיש לנו עוד דביקות מכח שנק' נחלה שאין לה הפסק כנ"ל: (שפ"א פ' מסעי תרמ"ט).

### כאשר אין הנפשות מתוקנים כראוי אין זוכין לארץ ישראל

במדרש כי אתם באים כו'. הדור אתם ראו כו' אם ארץ מאפלי' כו' דבאמת כל הארצות הם ארץ מאפליה. אבל ארץ ישראל בחי' אור והרוחניות מתגלה בא"י ויוכל האדם להתדבק בשורשו, וז"ש זאת הארץ אשר תפול שראו בעין שורש קדושת ארץ ישראל ולכן זה מיוחד לבנ"י שהנפשות שלהם ג"כ מאירים ואין הגוף מסתיר הארת הנשמה ולכן א"י ראוי' לכם. **ולכן עתה שאין הנפשות מתוקנים כראוי אין זוכין לארץ ישראל:** (שפ"א פ' מסעי תרס"א).

(פארזעצונג אויף קומענדיגע זייט)




מילין יקירין
לכבוד חג הפסח

# זמן חירותינו - חג האמונה

## המצוה דאנכי ה"א הוא להאמין שכשם שהוציאנו ממצרים כך עתיד לקבץ אותנו ולהושיענו

ברמב"ם הלכות יסודי התורה (סמ"ג חלק עשין סימן א) לידע שאותו שברא שמים וארץ הוא לבדו מושל מעלה ומטה ובד' רוחות כדכתיב (שמות כ) אנכי ה' אלקיך וגומר, וכתיב (דברים ד) וידעת היום והשבות אל לבבך כי ה' הוא האלקים בשמים ממעל ועל הארץ מתחת אין עוד. ודרשו חכמים אפילו באויר. לידע, פירוש לאפוקי מן הפילוסופין שאמרו שהעולם נוהג מאליו במזלות. ואין לו מנהיג ולא דבר, ואפילו קריעת ים סוף ויציאת מצרים וכל הנפלאות שנעשו במזל היו. ויש לנו להאמין כי שקר הם דוברים. אכן הקב"ה מנהיג את העולם כולו ברוח פיו. והוא הוציאנו ממצרים ועשה לנו כל הנפלאות. ואין אדם נוקף אצבעו מלמטה אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה שנאמר (תהילים ל"ז) מה' מצעדי גבר כוננו. ובזה תלוי מה שאמרו חכמים (שבת דף לא) ששואלין לאדם לאחר מיתה בשעת דינו צפית לישועה. והיכן כתיב מצוה זו. אלא ש"מ בזה תלוי, שכשם שיש לנו להאמין שהוציאנו ממצרים דכתיב אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך וגו'. על כרחין מאחר שהוא דיבור, הכי קאמר, כשם שאני רוצה שתאמינו בי שאני הוצאתי אתכם כך אני רוצה שתאמינו בי שאני ה' אלקיכם ואני עתיד לקבץ אתכם ולהושיעכם. וכן יושיענו ברחמיו שנית, כדכתיב (דברים ל) ושב וקבצך מכל העמים וגומר. (ספר מצות קטן לר"י מקירבול בעל התוס', יום ראשון, מצות התלויות בלב).

## הממהרים הקץ גורמים לכפור בה'

רשע מה הוא אומר מה העבודה הזאת לכם וכו', ואף אתה אמור לו בעבור זה עשה ה' לי בצאתי ממצרים, לי ולא לו, אילו היה שם לא היה נגאל ...

א"נ י"ל כך, דידוע מה שקיי"ל (תורת כהנים פ' בהר) דאסור לומר לעבד עברי עדור תחת הגפנים עד שאבוא, מפני שזהו עבודה שאין לה קצבה, אבל מותר לומר לו עדור שעה א' או אפילו כמה שעות, רק שיתן לו קצבה, שלא תהיה תוחלת ממושכה מחלת לב (משלי י"ג י"ב). ואולי נאמר זה בעבד עברי משום דכתיב (ויקרא כ"ה נ"ה) כי לי בני ישראל עבדי הם, ולכן אין מהראוי שנעבוד איש ברעהו מאומה בעבודה המיוחדת לעבוד בוראינו ית"ש, כי זה כל פרי מעללינו, שאנו יושבים ומצפים ישועת ה' ואין אנו יודעים עד מתי קץ הפלאות וגם שכר המיועד לעוה"ב איכותו ומהותו ותוארו, ומ"מ אנחנו מאמינים ובוטחים בשמו הגדול.

ואולי לזה אמרו חכז"ל (שוח"ט משלי י') בשעה שהחכם יושב ודורש והעם שומעים, הקב"ה מוחל עונותיהם של ישראל. ויל"ד מה טעם לזה שמוחל בשביל מצוה קלה כזה, ועוד ייתור לשון "והעם שומעים", וכי למי ידרוש הדורש אם לא ישמעו עם ה' אלה. אבל הענין, כי אמרו חז"ל (מכות כ"ד ע"א) בא חבקוק והעמידן על אחת, צדיק באמונתו יחיה, כי המאמין בה' כיפר לו כל עונותיו, וזאת כל פרי התרגל בעבודה, האמונה להיות יושב ומצפה. ולזה נצטוו אהרן ובניו (ויקרא ח' ל"ה) להיות יושבים פתח אוהל מועד לילה ויום שבעת ימים לשמור משמרת ה', יושבים ואינם יודעים על מה, להתרגל בעיקר האמונה כנ"ל, יושב ודומם בעולם הזה ע' שנים עד מלאת ימי מילואיהם.

והנה החכם המאריך בדרוש חריפות ופלפול, והעם עמא דארעא שומעין ואינם מבינים, רק שומעין קול הברה וממתינים ומצפים עד גמרו, ואז יתחיל לדרוש באגדה, בלי ספק כי מורגלים בעבודת ה', האמונה ובטחון, ההיפך מבני אפרים נושקי רומי קשת הפכו ביום קרב (תהלים ע"ח ט'), ודרשו חז"ל (פרקי דר"א פמ"ז, מובא ברש"י תהלים שם) שהיו ממהרים על הקץ, מה כתיב אחריו, לא שמרו ברית אלקים ובתורתו מאנו ללכת, שעי"ז גרמו לכפור בה' מכל וכל, ויצא מהם ירבעם דעליו קאי כל הפרשה כידוע. ולכן כשהחכם יושב ודורש, יושב לשון עכבה, והעם עמא דארעא שומעין, הקב"ה מוחל עונותיהם כנ"ל.

וע"ז הרמז הושמו סימנים לתינוקות בלילה הזה, להרגילם בזאת העבודה להיותם יושבים ומצפים על השולחן, ואין אוכלים עד גמר כל הסדר של פסח, להרגיל בעבודה הנ"ל.

אכן הרשע הזה אין יכול לסבל סבל ההמתנה, לכן שואל לזה האריכות העבודה הזאת למה לכם כ"כ להאריך, וכבר הגיע זמן האכילה. לכן משיבים, "בעבור זה עשה ה' לי בצאתי ממצרים", בזכות ציפיתי לישועה ולא מהרתי הקץ כבני אפרים, "אלו היה" הרשע זה "שם לא הי' נגאל", אלא הי' יוצא לנפשו כבני אפרים. (דרשות חתם סופר ח"ב, דרושים לפסח דף רנ"ח).

---




**הרב יצחק אייזיק ראטה**
בן כ"ק גאב"ד קארלסבורג שליט"א

## אופן החלות של שלש שבועות על ישראל בהלכה

...והח"ס בסי' ר"כ כתב דרק בשטר העומד לראיה אמרינן דלשון עבר אינו שבועה, אבל שטר קנין אף שכתוב נשבעתי הוי שבועה וכהא דאמרינן בכתובות קי"א שלש שבועות השביע הקב"ה את ישראל דכתיב השבעתי אתכם, ולא מצינו דהשביע בפירוש את ישראל וצ"ל דהא דכתב השבעתי היינו השבועה אף שהוא לשון עבר כיון שנאמר כן ברוה"ק לשהמע"ה עכ"ד, ולע"ד דבריו צ"ע דמה סברא היא זו, ודמייתי ראיה מכתובות הו"ל להקשות זה גם על כל התורה שאנו מושבעים מהר סיני וכן איתא בשבועות כ"ט שמרע"ה השביע את ישראל והלא לא מצינו בפירוש שנשבעו ישראל או שענו אמן על השבועה, רק גבי ברכות וקללות שבהר גריזים ועיבל מצאנו שנצטוו לענות אמן אבל לא בסיני, ונראה הענין בזה דהא קיי"ל כשהשביעו אחר וגילה דעתו שמקבל על עצמו הוי כשבועה וכדקיי"ל ביו"ד סי' רל"ז ס"ב, והכא כיון שאמרו נעשה ונשמע ונתקרבו להר סיני לקבל התורה הרי נתרצו לקבל על עצמם השבועה, **וכן כשהשביעם שלמה ברוה"ק והיינו שגזר עליהם בפירוש בשבועה שלש דברים, הוי כאלו נשבעו בעצמם כיון שקבלו עליהם, וגם הרי כבר נשבעו בהר סיני לשמוע לדברי נביאים ושופטים ולא גרע מחרמי ציבור שמכריזים ברבים ודנין שחל החרם אף שלא ענו אמן** וכמבואר בפוסקים עב"י סי' רכ"ח וע' משפטי החרם לרמב"ן, ואפשר לצדד בזה לומר דכיון שנהגו לכתוב בכתבים לשון עבר הוי כיד לשבועה והוי יד מוכיח שמוכח שרצונם לקבל על עצמם שבועה בזה, ואולי זוהי סברת הח"ס שכיון שכותב כן בשטר קנין ורוצה ששטר זה יקנה לו, מוכח שרצונו שיהי באופן המועיל והוי יד מוכיח, ואף שא"א להעמיס זה בלשון הח"ס מ"מ הסברא בעצמה נכונה, אכל מכל הפוסקים שכתבו דלשון עבר לאו שבועה היא מוכח דלא ס"ל הכי, וצ"ל דיד הוי רק במקום שהדבר בעצמו אין לו הסבר, אבל הכא י"ל שכוונתם באמת רק להודאה שנשבע וסבורים דמהני קצת כמו הודאת ממון, שרצונם באמת שלא יענשו בדיני שמים רק בדיני אדם, אבל הוא דוחק, ונראה דכיון שיודע בעצמו שלא רצה לקבל על עצמו בשבועה ורק מפני שהפחידוהו בהכאות וכדומה חתמו על הכתב, א"כ אין כאן יד מוכיח כלל, וא"ל דעכ"פ הוי כתקנת ציבור וכ"נ קצת בח"ס, ז"א דבנ"ד לא הוי רוב הציבור, ובמיעוט לא מיקרי תקנת ציבור.

(דברי מלכיאל חלק ג' סי' ע).

True Torah Jews
183 Wilson Street, suite 162
Brooklyn NY 11211

Tel: (718) 841-7053
Fax: (718) 504-4513
natruna@verizon.net

בס"ד

# חבר אנו לכל אשר יראוך

לאנשי שלומים, יהודים נאמנים,
משמרת הקודש שומרים, ביסודי האמונה צרופים,
אליכם אישים נקרא

## להמנות בתור "חבר"
## בחבורת יראי ד' "נטרונא"

**לעשות רצון צדיק** כאשר דיבר בקדשו **מרן רבינו הק' זי"ע** וזל"ק:

...לדעתי אפשר לקבץ אפילו אלף אנשים מבני ישראל הכשרים שירצו להשתייך למסגרת זו. והחשבון הוא פשוט, כי מכל בית המדרש אפשר לרשום כמה אנשים, עד שיתקבצו לערך אלף איש. וזה יהיה כח גדול בע"ה. - הן ראיתי בדברי הימים של כתבי הציונים, שמתחילה לא היה להם להציונים כי אם לערך 2000 חברים!

ובלעדי זאת, אם אין לנו קיבוץ מאוחד של אנשים הרשומים בחבורתינו, אז מבטלים אותנו ואת כל פעולותינו, ואומרים, מי הם?.. וגם באמעריקא אף שמדינה זו מרובה היא באוכלסין, מכל מקום חבורה של אלף איש נחשבת כחבורה חשובה. ואפשר לקבץ אנשים גם משאר מדינות, מחוץ לגבולות ארצות הברית.

שנית. לכל פעולה שרוצים לעשות נחוץ כסף לדבר. ובלעדי מעות איש אפשר לעשות כלום. ולדאבונינו אין הפרוטה מצויה... ואין בדעתי ח"ו להטיל עול של סכום גדול על יחידם וכדומה, אלא חושב אני שכל יחיד יתן בסך הכל רק 10 דולר לשנה, בתור דמי חבר, ומזה יתקבץ לערך סכום של 10,000 דולר לשנה, ובסכום כזה אפשר בס"ד לפעול הרבה..

## קול קורא אליך

שמך בל יפקד בין הנמנים לדבר מצוה!

## גדול המעשה יותר מן העושה!

ומכאן הקריאה יוצאת! לכל מבקשי ודורשי ה' אשר המה מוכנים לקבץ על הגבאו"ת בביהמ"ד שבבתי שכונתם, לזכות את הרבים להיות נמנה לדבר מצוה במפעל הק' הזה להצטרף בדמי חבר (מעמבער-שיפ), נא לפנות על מספר הטעל. 718-841-7053 Ext. #1 וגדול שכרם מן השמים, וזכות רביה"ק זי"ע בוודאי יעמוד להם לכל מילי דמיטב.

אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו ויקשב ה' וישמע ויכתב בספר זכרון לפניו וגו'.

הנהלת "נטרונא"

Newsletter Designed by: C&G TYPOGRAPHIC / 718-935-1945

True Torah Jews
183 wilson Street, PMB 162
Brooklyn NY 11211